נ.ב.

על כן זיינען מיר מכריז ומודיע: די יעניקע וואס האבן שוין נעבעך געמיינט (עס גראמט זיך מיט געוויינט), אז „לשון און לעבן" האט שוין צוגעמאכט אן אויג, זאל זיך דערוויל נאך נישט פרייען — א שוידער ס׳גייט איבערן גאנצן לייב —

א פנים ס׳וועט היינט בייגאכט נאך שנייען.

* * *

דער אוונט ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס לכבוד דעם בארימטן שרייבער יצחק באַשעוויס צום נאבעל פרייז איז געווען גאר א ימים־טובדיקער.



יצחק באשעוויס געמאלן פון קלארא קלינגהאפער

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

480 39׳סטער יארגאנג מאי 1979 לאנדאן

אינהאלט

11 אפריל, יתגדל ויתקדש, די קארטשאק מיט די קינדער, דער שפת־אמת און דער אסטראוצער, די אייביקע מחלוקת בית שמאי און בית הלל, רבי יוחנן בן זכאי, לזכר די זעקס מיליאן קדושים, דרייסיק יאר מדינת ישראל
דער 19טער אפריל מאיר באגדאנסקי אסתר ערליכמאן 13
א פארזאמלונג פון פוילישע יידן אין לאנדאן ........ יעקב בן יוסף 18
ביי די מצות (פסח דערציילונג) ........ הערמאן אויזעראוויטש 21
די דריי און דרייסיק קארדינאלן ........ לארד ערווין סעמיועל 23
דאס טאג בוך ........ לאה ראבינסאן 31
דאס אלטע פידעלע, צום 80סטן געבוירן טאג פון מיין ברודער אברהם משה ........ עלא זילבערג 36
פויגעלע אויף קוימען, בלומען ........ א. נ. שטענצל 37
יידיש טעאטער אין ענגלאנד ........ הערי אריעל 38
„לאדזשער שטערן אויף מיין וועג" ........ סעם גאלדבערג 39
י. א. ליסקי — א בן־שבעים אייזיק גאלדבערג 42
ווערטער י. א. ליסקי, מוזיק מאיר באגדאנסקי 45
א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס ........ ש. 46

רעדאגירט א. נ. שטענצל
פרייז 20 פענס
יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנטס גראוו, א.1.

Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorx House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.

## לאנדאנער קולטור ידיעות

געוועזענער טשיף־ראבײַ אין לאנ־דאן דר. רבי ישראל ברוידע איז נפטר געווארן.

דר ברוידע איז געווען א לייע־נער און ליבהאבער פון יידיש און א פארערער פון דער יידישער ליטעראטור.

*  *  *

רבי דר. קאפל קאהאנע, איינער פון די אנגעזעענסטע פוילישע רב־נים „לעקטשער“ איבער תלמוד אויף ענגליש אוניווערזיטעט און אין לאנדאנער סעמינאר איז נפטר גע־ווארן.

*  *  *

אברהם האלאנד, אן אנפירער פון יידישן ארבעטער־רינג אין לאנדאן, געוועזענער פארזיצער, געווען יאר־לאנג א יידיש לערער אין דער ארבעטער־רינג שול איז פלוצלינג געשטארבן.

*  *  *

120׳סטער געבוירן יאר פון שלום עליכם איז געפייערט געווארן ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת־נאכ־מיטאגס. געליינט פונם קלאסיקערס ווערק האבן אייזיק גאלדבערג און נעט רובין. געזונגען זיינע לידער —דער זינגער אקטיאר סעם גאלד־בערג און עדלמאן.

*  *  *

פריינט פון יידיש־לשון, דער בונד און דער יידיש רידינג־רום האבן די 19׳טע אפריל פארזאמלונג אפ־געהאלטן אין רידינג־רום. די הז־כרה האט געמאכט לעאן בלומענ־זאן, גערעדט האט מאיר באגדאנס־קי. חורבן־לידער און געטא־דערציי־לונגען האבן געליינט און געזונגען אייזיק גאלדבערג, נעט רובין, דזשי־קאזסקי און עדלמאן.

*  *  *

לכבוד דעם 31׳סטן יום העצמ־אות האט מען אין אלע שולן גע־זאגט תפילות און די גרויסע יום־טוב־פערזאמלונג איז געווען פול געפאקט מיט יוגנד.

שבת חול־המועד־פסח, די 64 יארצייט פון אונזער קלאסיקער י. ל. פרץ האבן געליינט פון פרצעס ווערק אייזיק גאלדבערג, נעט רובין און אסתר ערליכמאן. געזונגען פרצעס לידער מאיר באגדאנסקי עדלמאן און רות באכנער.

*  *  *

א נייע פארש־ארבעט פון
דר. יעקב מייטליס

פון דער ישראל־אקאדעמיע פאר וויסנשאפטלעכע פארשונגען, איז אט וואס ארויס א וויכטיקע פארש־ארבעט פון דעם באקאנטן שרייבער און פארשער, דר. יעקב י. מייט־ליס, ארום דעם אלט־יידישן מד־רש צו די „פרקים“, וואס געפינט זיך אין כתב־יד אין דער נאציא־נאלער ביבליאטעק פון פאריז. ווי א הוספה צו דעם אריגינאל־טעקסט גיט דר. מייטליס אן ארומנעמיקן אריינפיר וועגן דעם מחבר אנשל לוי, זיין פארטייטש־שיטה און נו־סח, מיט א שלל פון מדרשים, מע־שׂיות און משלים, לשון און פאלק־לאר, מקורים, מאטיוון און שפראך־גלאסערן. דאס בוך געשריבן אין העברעיש אי זשיין ארויסגעגעבן, וויסנשאפטלעך פינקטלעך און אפ־געהיטן.

בשייכות מיט דער אויסגאבע פארט דער מחבר ארויס קיין ירו־שלים אויף עטלעכע וואכן.

*  *  *

דער יידישער שרייבער און זשורנאליסטן־פעראיין גרייט צו א גרויסן אבענד לכבוד דעם נאבל־פרייז־געווינער יצחק באשעוויס־זינגער.

*  *  *

דער אקטיאר און זינגער סעם גאלדבערג איז אפגעפארן אויף זיין טור קיין אמעריקע.

*  *  *

דער פעראיין פון די פוילישע יידן האט געהאט אין א וועסט־ענד טעאטער א גרויסע פארזאמלונג צום זכרון פון 19׳טן אפריל.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

480 — 39׳סטער יארגאנג — מאי 1979 — לאנדאן

## 19׳טער אפריל

ניינצן דריי און פערציק,
דעם ניינצטן אפריל,
ס׳הארץ פון דער גאנצער וועלט,
שטיינגעבליבן ס׳איז שטיל:

א הייפעלע יידן,
פארלאזט פון מענטש און גאט,
דעם מלכות הרשע,
קייגנגעשטעלט זיך האט.

פארהונגערט, דערשלאגן,
מיט לעצטן אטעם הויך,
אויפגעשטאנען העלדיש,
קייגן אשמדי־כוח.

דארט ביי דער געטא־וואנד,
מיט זיין גאנצן געווער,
שונא געפאלן איז,
בישט אויפצושטיין מער.

„כן יאבידו“! און אזוי
זאלן פארלוירן גיין,
אלע פיינט וואס ווען,
קייגן יידן אויפשטיין —

ניינצן דריי און פערציק,
דעם ניינצנטן אפריל,
מען דערמאנט זיך דערין,
און דאס הארץ בלייבט טויט־שטיל.

געוועזענער טשיף־ראבײ אין לאנדאן דר. רבי ישראל ברודיע איז נפטר געווארן.

דר ברודיע איז געווען א לייענער און ליבהאבער פון יידיש און א פארערער פון דער יידישער ליטעראטור.

* * *

רבי דר. קאפל קאהאנע, איינער פון די אנגעזענסטע פוילישע רבנים „לעקטשער“ איבער תלמוד אויף ענגליש אוניווערזיטעט און אין לאנדאנער סעמינאר איז נפטר געווארן.

* * *

אברהם האלאנד, אן אנפירער פון יידישן ארבעטער־רינג אין לאנדאן, געוועזענער פארזיצער, געווען יארלאנג א יידיש לערער אין דער ארבעטער־רינג שול איז פלוצלינג געשטארבן.

* * *

120׳סטער געבוירן יאר פון שלום עליכם איז געפייערט געווארן ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס. געליינט פונם קלאסיקערס ווערק האבן אייזיק גאלדבערג און נעט רובין. געזונגען זיינע לידער — דער זינגער אקטיאר סעם גאלדבערג און עדלמאן.

* * *

פריינט פון יידיש־לשון, דער בונד און דער יידיש רידינג־רום האבן די 19׳טע אפריל פארזאמלונג אפגעהאלטן אין רידינג־רום. די הזכרה האט געמאכט לעאן בלומענזאן, גערעדט האט מאיר באגדאנסקי. חורבן־לידער און געטא־דערציילונגען האבן געליינט און געזונגען אייזיק גאלדבערג, נעט רובין, דזשיקאווסקי און עדלמאן.

* * *

לכבוד דעם 31׳סטן יום העצמאות האט מען אין אלע שולן געזאגט תפילות און די גרויסע יום־טוב־פארזאמלונג איז געווען פול געפאקט מיט יוגנט.

שבת חול־המועד־פסח, די 64 יארצייט פון אונזער קלאסיקער י. ל. פרץ האבן געליינט פון פרצעס ווערק אייזיק גאלדבערג, נעט רובין און אסתר ערליכמאן. געזונגען פרצעס לידער מאיר באגדאנסקי, עדלמאן און רות באכנער.

* * *

א נייע פארש־ארבעט פון
דר. יעקב מייטליס

פון דער ישראל־אקאדעמיע פאר וויסנשאפטלעכע פארשונגען, איז אט וואס ארויס א וויכטיקע פארש־ארבעט פון דעם באקאנטן שרייבער און פארשער, דר. יעקב י. מייטליס, ארום דעם אלט־יידישן מדרש צו די „פרקים“, וואס געפינט זיך אין כתב־יד אין דער נאציאנאלער ביבליאטעק פון פאריז. ווי א הוספה צו דעם אריגינאל־טעקסט גיט דר. מייטליס אן ארומנעמיקן אריינפיר וועגן דעם מחבר אנשל לוי, זיין פארטייטש־שיטה און נוסח, מיט א שלל פון מדרשים, מעש׳ת און משלים, לשון און פאלקלאר, מקורים, מאטיוון און שפראך־גלאסערן. דאס בוך געשריבן אין העברעיש איז זשיין ארויסגעגעבן, וויסנשאפטלעך פינקטלעך און אפגעהיטן.

בשייכות מיט דער אויסגאבע פארט דער מחבר ארויס קיין ירושלים אויף עטלעכע וואכן.

* * *

דער יידישער שרייבער־ און זשורנאליסטן־פאראיין גרייט צו א גרויסן אבענד לכבוד דעם נאבל־פרייז־געווינער יצחק באסשעוויס־זינגער.

* * *

דער אקטיאר און זינגער סעם גאלדבערג איז אפגעפארן אויף זיין טור קיין אמעריקע.

* * *

דער פאראיין פון די פוילישע יידן האט געהאט אין א וועסט־ענד טעאטער א גרויסע פארזאמלונג צום זכרון פון 19׳טן אפריל.

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

480 39׳סטער יארגאנג מאי 1979 לאנדאן


## 19׳טער אפריל

ניינצן דריי און פערציק,
דעם ניינצטן אפריל,
ס׳הארץ פון דער גאנצער וועלט,
שטיינגעבליבן ס׳איז שטיל:

א הייפעלע יידן,
פארלאזט פון מענטש און גאט,
דעם מלכות־הרשע,
קייגנגעשטעלט זיך האט.

פארהונגערט, דערשלאגן,
מיט לעצטן אטעם הויך,
אויפגעשטאנען העלדיש,
קייגן אשמדי־כוח.

דארט ביי דער געטא־וואנד,
מיט זיין גאנצן געווער,
שונא געפאלן איז,
נישט אויפגעשטיין מער.

„כן יאבידו“! און אזוי
זאלן פארלוירן גיין,
אלע פיינט וואס וועלן,
קייגן יידן אויפשטיין —

ניינצן דריי און פערציק,
דעם ניינצנטן אפריל,
מען דערמאנט זיך דערין,
און דאס הארץ בלייבט טויט־שטיל.

## „לא תשכח
(דברים כה, יט)

איב מיר פארגעסן, פארגעבן,
דאס וואס אינז אנגעטון מען האט,
איז מען נישט מער ווערט געוועזן,
ווי די יסורים אין דעם שפאט.

עס קאן א שוואכערער לײדן — —
פון א שטארקערן איבער זיך — —
אבער דעם רשע מוחל זײן?
עס איז נישט צדקות — ס׳איז געקריך!

און איב ער באצאלט האט דערפאר,
ווייל געהאט הנאה דערפון,
וועט ער דעם געשלאגענעם הונט,
שוין נאכאמאל אויפזוכן און —

דערהרגענען אים מיט דעם בײן,
א פיצל פלײש אויף אים ער גליבט!
און פון דעם טויט־דערמארדעטן,
קײן שום זכר נישט איבערבליבט.

אמת, „חטאך בצדקה פרוק״,
קלוגער נביא טאקע געזאגט,
אבער א גרעסערער פון אים
מיט „איכה״ דערפאר אונז באקלאגט —

יא „חכם עדיף מנביא״ — —
אבער א ווײ־חכם צו זײן!
קאן זיך אמאל גאר שטארק גליסטן,
אינם גלות צוריק צו גײן.

## יתגדל ויתקדש

ביסט דאך א טאטע־פאטער אונזערער, א גאט,
ווי א כשרער ייד האלטסטו דאך דאס געבאט,
זעץ דיך אבלדיק אויף פוסבענקעלע־ערד —
זעקס מיליאנען געקוילעטע זײנען עס ווערט.
אויף ליכטיקן הימל די זון דרײ איין די קנויט,
נשמה־ליכטל זײן נאך פארגאזטע אויף טויט.



יתגדל ויתקדש זאג צו זיך אליין,
אז קריעה צעריסן דיין הארץ פון דיין געוויין.
ווי גרויס דו ביזט, נאך גרעסער עס וועט זיין דיין פיין,
און די חרפה, אז אזוינס־א געקענט האט זיין.
א, טאטע־פאטער, פונם זינען מ׳קאן אראפ,
אויב נאר אין זיך רחמנות מען האט נאר א טראפ.

## ד״ר קארטשאק מיט די קינדער

ווי נביאים פונקט,
ווען וויזיעס דערזען,
אזוי גאט אליין
אין גרויס שרעק געוועזן —

אים מיט די קינדער,
דערבליקט אין מארש־גאנג
און דערהערנדיק
זייער פרייד־געזאנג.

גאטס געוויין דעמלט:
„קאן מענטש אזוי זיין?
נישט נאר פון צער — פון,
וואונדער מ׳קאן אויסגיין.

האט שוין ווער געזען
אזא העלדן־גאנג?
געהערט ווער אזא
מלאכים־געזאנג?

יידישע קינדער,
„כ׳שווער ביי מיר אליין,
אזוינס אויף דער וועלט
עס וועט מער נישט זיין.״

און אויפגעציטערט
אונטער זייער טראט,
גאנצע ערד, און דער
הימל געוויינט האט.

## דער שפת-אמת און דער אסטראָווצער

ווען דער הייליקער אסטראָווצער,
דער גאון, דער צדיק פון פוילן,
דערפילט האָט וואָס ס׳גייט אָנקומען —
פאַר הייליקע גאַרנישט פאַרהוילן.

— האָט נישט ר׳ צדוק פּערציק יאָר,
פאַרן חורבן־ירושלים,
דערשפּירט פריער וואָס ס׳וועט ווערן —
קדושים זעען בגלוי עינים.—

האָט ער אָנגעהויבן פאַסטן,
האָבן חסידים אַ שרעק באַקומען,
און עצות, תחבולות, דרכים
צו זוכן זיי האָבן גענומען.

מ׳האָט דאָך ממש געזען, אַז ביי
סכנות־נפשות שויך געהאַלטן — —
און מיטן „שפת־אמת" פון גער
אַן עצה גענומען זיך האַלטן;

אַז דער גערער ביי אים פּועלן,
געוועזן עס איז זייער לעצט האָפן,
און עפּעס מן־השמים
ז׳האָבן זיך ווי ראַפּטום געטראָפן.

אין סקערניעוויץ, וואו די באַנען
על אם־הדרך זיך באַגעגענען,
האָבן זיך די „צוויי בערג" דערזען
און צווישן שלום און געזעגענען,

האָט דער חכם דער „שפת אמת"
מיט קלוגן שמייכל אָנגעהויבן:
„מען שמועסט עפּעס צווישן עולם — —
עס איז דאָך ממש נישט צו גלויבן!

„די תורה וויניק מתיש כוח?
וואָס עפּעס מיצקע־דריגען פאַסטן,
ס׳איז דען פאַר אונזערע כחות
נעמען אויף זיך אַזעלכע לאַסטן?"



ווי אַ חדר־יינגל איז ער,
דער גרויסער גאון, פאַר אים געשטאַנען,
געקוקט אויף זיין ידיד־נאמן,
ווי ער וואָלט קיים אַ וואָרט פאַרשטאַנען:

„איר, הייליקער רבי פון גער,
האָט געוואַלטיק־גרויסע זכות אבות,
איך? טאַטע מיינער — אַ בעקער — —"
„אסטראָווצער גאון, ר׳ מאַכט קאַטאָוועס?!

כבוד־אב איז מדאורייתא!"
אַ ייִנגל אסטראָווצער אַנטרינען —
וואָס פאַר זיינע אייגן געזען
ממש אַראָפּצוגיין פון זינען —

ס׳געוויין זיינס דער גערער דערהערט,
קריעה זיין האַרץ עס האָט צעריסן:
„כ׳האָב מורא, אַז עפּעס שרעקלעכס
געטון אים פון הימל צו וויסן —

האָט נישט ר׳ צדוק פּערציק יאָר,
פאַרן חורבן־ירושלים,
דערפילט וואָס עס גייט אָנקומען?
קדושים זעען בגלוי עינים".

## די אייביקע מחלוקת בית-שמאי און בית-הלל

### א

אין אַ מדינה ס׳הייבט אָן שלעכט צו גיין,
מ׳קריגט זיך שוין איבער איי אַ הון געלייגט;
דער גוטער הלל, דער שטרענגער שמאי —
אַזש גאַנצער בית־מדרש דערשראָקן שווייגט.

נישט נאָר פונקלדיקע חריפות בלויז —
די שאַרף־געשליפענע שווערד איבערצייגט!

איב צווישן לומדים ס׳האַלט שוין אַזוי וויט,
וואָס בלייבט דעמלט פאַר פשוטן מענטש מער?
צעלויפן זיך הערצער צעציטערטע,
ווער צווישן וויסטע בערג, אין מדבר עוועק,

ניסט ביי איינעם ס׳תמימותדיקע הארץ זיינס
געטובלט ווערט אין א קוואליקער טרער.

איבער ס׳ווארע ווארט מנצח איז מיט שווערד,
נישט בלויז מיטן כוח־הדיבור פון האלז,
איז די הייליקסטע סעודה ברידערלעך
געטיילט מיטן לעצטן רעפטל ברויט מיט זאלץ.

אז וואס שוין דאס העכסטע, דאס טיפסטע ווארט?
ערלעכע, שטילע טרער ווערט דעמלט אלץ!

בלויז ווי לאנג צומאל אויסהאלטן אזוי?
אז אויך טרערן קאנען ווערן א כוח:
אפילו טיפסטע, ערלעכע ליבשאפט,
נישט נאר געשארפטער, געשליפענער מוח.

צארטע ליפן, ווי פגימהלאז מעסער,
גוט־אויסגעשליפן ווערן קאנען אויך.

„אהבת לרעך כמוך" — — —
אויב נאר פארטייטשן מיט א דריי מען וועט:
„כמוך": אזא חבר ווי דו ביסט!!
א, מען וועט שוין געפינען א מין חטא —

אויב נאר נייטיק האבן וועם צו געבן
איבער הארץ מיט א שארף מעסער א גלעט.

ב

אז אן אומה וויל לעבן בלייבן,
וויפל יסורים מוז זי אדורכגיין —
מחלוקות איבער א קוצו־של־יוד!
ביז איינס ס׳אנדערע זאלן זיך פארשטיין.

אזש אויסשרייען עס מוז „אם אין אני
לי מי לי"! דער גוטער הלל אליין.

א, וויפל דורות ס׳מוז נאך דויערן
ביז געבוירן ווערן ס׳וועט יענער דור,
ווען אויפגיין עס וועט איבער מענטש און וועלט
דער ליכטיקער, דער גרויסער „יהי אור".



ביז דאס הארץ און דאס מויל פון בן־אדם
ליכטיק־צקלינגטער קוואל פון קלאר און ווארע.

אז וויאזוי דאס לעבן אויסהאלטן,
אויב נישט זיך צוגרייטן תמיד צום טויט?
נישט אויף שכר מקבל צו זיין דארט,
ווייל אלץ געוואויגן אויף קווינט און אויף לויט.

יא, צוקער־זיס עס איז שוין פון גאטס האנט,
טאג־טעגלעך ס׳פארדינטע שטיקעלע ברויט.

א יענע וועלט — איז זי יא דא, נישט דא:
און אט די וועלט — צי איז זי דען פאראן?
דאס, וואס ס׳איז זיכער דא — יעדער פון אונז
א מין פערד איינגעשפאנט אין א געשפאן.

איז עס דען נישט א גן־עדן שוין, אויב
פטור מ׳ווערט פון א וועלט פון קנעכט און פאן —

גלותדיק געפילפולט גילגלט געזאנג — —
א יום־טוב אן איי א הון האט געלייגט:
און אייגענע מאמע פארגינט נישט קינד
ס׳ביסל מילך, וואס די ברוסט עס זייגט.

ווייל פאר רייכן׳ס ז׳האט זיך פארדונגען,
א, ווי דאס הארץ צאפלט, ציטערט און שווייגט.

## רבי יוחנן בן זכאי

ווען רבי יוחנן בן זכאי
אויפן גסיסה־בעט געלעגן,
די תלמידים זיינע ארום,
האט איינער געטון טון פרעגן:

„רבי, הייליקער אונזערער,
ווען שוין וועט משיח קומען?"
האבן גרויסע זיינע טרערן
פון זיין בליק רינען גענומען:

„קינדער מיינע, נשמות מיינע,
אצינד גיי איך אים אקיגן — —“
פול ס׳איז דער גאנצענער ארום
געווארן מיט הייליק שווייגן.

און ס׳איז די נשמה זיינע
אויסגעגאנגען מיטן זאגן —
משיחן אקיגנגעגאנגען,
ז׳האבן אים געטון טון טראגן.

אין ארון געברענגט און דעמלט
פון דער שטאט ירושלים — —
און דעם גאנצן וועג געזונגען:
„עם ישראל חי וקים“.

גאט כביכול ס׳געזאנג זייערס
געטון טון האט דערהערן,
איף פוס־בענקל ערד געזעצט,
די אויגן פולע מיט טרערן:

וואס אייביקייט מיינט פרעגט עס מיך!
מען ווערט געיאגט און געטריבן
פון אן אין־סופיקן פארלאנג:
שלעכטסטן נאך צו ווען ליבן.

## רש״י הקדוש

צי וואלט מען דען פארשטאנען,
פרשה חומש אן זייך פשט,
און א שווער שטיקל גמרא
ווערט דאך ערשט מיט זיין טייטש גלאט.

חומש־רש״י־בחורל
דערקענט מען האט אין גאנג,
אין זיין קול שוין ס׳איז פון
גמרא־ניגון דער געזאנג.

נישט בחינם דעם נאמען
קדוש באקומען ער האט,
דאס געבויערן ווערן זיינס,
שוין געווען א נס פון גאט —



נאך היינט ווייזט מען אין ווארעמס
די ארייגעריקטע וואנט:
מעוברתדיק מיט אים,
די מוטער גאס דורכגעשפאנט.

זי איבעררייטן געוואלט
דייטשער ריטער מיט זיין פערד,
און די מויער פון א הויז,
טיף ארייגערוקט עס ווערט.

## דער הארבער רמב״ם

„ווער ווייסט וואסער שווערע,
קשיא ס׳איז איף דעם ייד;
אז צו פארענטפערן,
אלע ווערן נישט מיד.

„רק הארבן רמב״ם אין
איין פארענטפערן מ׳האלט!
ס׳דרייען מיטן גראבן
פינגער פון יינג ביז אלט“.

קאצקער רבי געזאגט,
ווען זיך באהאלטן ר׳האט,
אין זיין חדר־מיוחד,
פאר מענטשן און פאר גאט.

האט דער טשאכעטשעווער
זיך הילכיק צעווינט: „שווער,
(דער חדר־מיוחד,
געלויכטן פון זיין טרער!)

„ווייל ווי ווייט פארפלויגן,
תמיד צוריקגעקערט,
דער נשר־הגדול“,
צו זיין נעסט אויף דער ערד.

## לזכר די זעקס מיליאן קדושים

ארומגערינגלט מיט געטא־מויערן,
אין גריבער, אין גאז־קאמערן געטריבן,
און זע, מיר שטייען אצינד ביי דער כותל
באפרייטע, דערלייזטע — לעבן געבליבן.

מיט פרייד אין הארץ, מיט טרערן אין די אויגן
דאס אוממעגלעכע, האפערדיקע צו גלויבן!
מוז דאך פאראן זיין אזוינס און אזעלכעס,
איבער אלע מחשבות הויך דערהויבן.

נישט בחינם אונז געטון טון אויסקלויבן!
אזא אומה ולשון נאך פאראנען?
אן אייביקייט אין געאייביקטן גלויבן,
וואסערע יסורים נישט אויסגעשטאנען;

וואסער מין גלותן נישט אויסגעהאלטן,
גלויבנדיק דעם צוזאג אונז אויסצולייזן — —
מענטשלעכער מוח קאן דען דאס משיג זיין,
וויאזוי מיר האבן׳ס געקענט באווייזן?

נאך ירושלים אויפגעגאנגען,
געהייליקטע אין קרעמאטאריע־פלאמען — —
וועט דאך אויך מקוים ווערן דעם נביאס רייד,
אז וואלף מיט לאם וועלן לעבן צוזאמען —

נישט בחינם האסטו אונז, דיין פאלק ישראל,
אין מיר דיך, טאטע־פאטער, אויסגעקליבן — —
אז וואס שוין וואלט דער בן־אדם געוועזן
ווען נאך אן גלויבן ר׳וואלט איבערגעבליבן?

## דרייסיק יאר מדינת־ישראל

אין אונזער שטוב איבערביישטידל
אייל איך אייל געוועזן פארשמירט מיט ליים,
אז עס זאל דערמאנען אונז תמיד
פארלוירן מיר האבן אונזער היים.



איצט צוריק מיר זיינען אינם לאנד.
נישט צו פארגעסן די זעקס מיליאן,
איבער ביישטידל פון אונזער שטוב
הענגען ס׳וועט די מגן־דויד פאן —

די זעקס שפיצן דערמאנען זאלן
די זעקס מיליאן געקוילעט, פארגאזט;
אז פאלק מיט פאלק מיט ליבשאפט לעבן,
נישט שנאה פארבייסן, בייז, פארהאסט.

ווייט און ברייט עס איז דער קיילעך־ערד,
איבער אלע קעפ עס שיינט די זון,
פארוואס קוילן איינער דעם צווייטן?
יעדער מענטש דאך א מאמעס א זון.

פאר איר געקוילעט, געשאסן קינד,
ווער קאן באצאלן איין מאמעס טרער?
ווען שוין מקוים ווערט די נבואה:
אקער־אייזנס ווערן פון געווער?

צוריק מיר זיינען אין אונזער לאנד — —
א, נישט ככל הגוים צו זיין!
אז אלע מענטשן ברידער ווערן,
פון גלות געקומען איצט צו גיין.

מאיר באגדאנסקי

## צום יארטאג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא

אונזער פייערן דעם יארטאג פון די אויפשטאנדן אין די געטאס און קאנצענטראציע לאגערן איז נישט סתם א מנהג און אודאי נישט קיין באדייטונגסלאזער מנהג. עס איז, אין דער ערשטער ריי, א דערמאנונג פאר אונדז אז מיר זיינען לעבן געבליבן נאר דורך א צופאל, און א דערמאנונג צו דער וועלט, אז ווען עס וואלט די נאציס, ימח שמם, גע־לונגען זייער מארש איף דער וועלט — וואלט נאך אונז געקומען די רעיי איך איף אנדרע פעלקער.

עס זיינען פאראן אויטענטיש, נאצישע, דאקומענטן אז זיי האבן שוין געהאט פלענער אימצוברענגען די סלאווישע פלקר איף דעם זעלבן אופן ווי די יידן; און נאך זיי וואלט געקומען די ריי אויך איף די אנדערע

פעלקער. איך דער וועלט האט געזאלט בלייבן בלויז איין פאלק — דאס דייטשע „הערן־פאלק". די יידן זיינען בלויז געווען די ערשטע אומגעבראכט צו ווערן.

אפילו, ווען עס וואלט יא מעגליך געווען צו פארגעסן די מעשים תעתועים פון די דייטשן און יענע יארן, וואלט עס געווען א פארברעכן עס צו טון ערשטענס — ווייל עס איז א פארברעכן צו פארשוויגן א פארברעכן און צווייטנס — ווייל עס געפינען זיך אזעלכע, וועלכע האלטן דאס נישט פאר קיין פארברעכן, און וועלכע זאגן אונז צו צו טון דאס זעלבעווידעראמאל אויב נאר זיי וועט געלונגען צו קומען צו דער מאכט. עס מאכט נישט אויס וואס די צאל פון די האזיקע נעא־נאציס איז נישטיק — זייער אויסווירקונג אויפן יונגן דור קען זיין פאטאל אויב מען וועט דער יוגענט נישט דערציילן וועגן די מעשים תעתועים פון די דייטשן.

אין אונזער וואקאבולאר איז נעיישט קיין פאסיקווארט מיט וועלכן מען וואלט געקענט באצייכענען דאס וואס די נאציס האבן אפגעטון צו די יידן און די געטאס און קאנצענטראציע לאגערן. אנרופן עס מיטן נאמען — חיה׳שקייט — איז א באליידיקונג פאר די ווילדע חיות, ווייל א חיה הרגעט בלויז כדי אויפצוהאלטן דאס אייגענע לעבן, און מען קען דערפאר, צו איר קיין טענות נישט האבן, ווייל אזוי האט זי די נאטור באשאפן. דערביי איזדועקעוועט זי זיך נישט איבער איר קרבן; זי הרגעט איר קרבן אויפן שנעלסטן אופן אבער, ווען זי איז אנגעגעסן צו דער זעט און נישט איבערגעשראקן, לאזיט זי אלעמען צו רו. זי הרגט נישט צוליב דער לוסט פון הרגענען און האט אויך נישט קיין פארגעניגן פון אנטאן סתם ווילדע צרות אין זי ברענגט אויך נישט אום איר אייגענעם מין.

אין מעריב־דייטשלאנד האלטן אין איין פארקומען געריכטס־פראצעסן איבער געוועזענע נאציס פאר זייער מעשים תעתועים צו די יידן. אבער, עס האט נאך נישט געטראפן קיין איין פאל אז א וועלכער נישט איז אנגעקלאגטער זאל זיך צעוויינען בעת די געריכטס־פארהאנדלונגען און זאגן „חטאתי" און בעטן פארגעבונג. די אלע, וועלכע ווערן נאך היינטצוטאג געמשפט אין דייטשלאנד זיינען שוין מענטשן אין די עלטערע יארן; זיי האבן קינדער און איניקלעך און קיינעם פון זיי פייניקט נישט דאס געוויסן פאר זייערע אוממענטשלעכע טאטן. ברואים אין דער גשטאלט פון מענטש, מיט אלע נטיות פון א מענטש — און אן שום געוויסן. און געווען זיינען דאס נישט עפעס א פאר כוליגאנעס נאר א גאנץ פאלק; א פאלק מיט א הויכער קולטור; און האטאליק באשטימט אלס פירער איבער זיך איינעם, וועמענס נאמען עס איז מוקצה מחמת מיאוס אנצורופן דא ביי די זעקס אנגעצונדענע ליכט, וואס זאל זיין זייער אנרעגער צו אט די שרעקלעכע און אומפארשטעלבארע טאטן.

און צוליב נאך פעס טארמען נישט אויפהערן צו דערמאנען דער וועלט וועגן די נאצי פארברעכעניש: אין די לעצטע עטליכע יאר האט זיך אנ־



געהויבן א וואקכאנאלאיע פון אפלייקענען די גאנצע געשיכטע. „געלערנטע" — מ׳שטייגזגואגטע פראפעסארן פון אוניווערסיטעטן און נישט חלילה אין דייטשלאנד — גיבן ארויס ביכער און וועלכע זיי לייקענען אפ די גאנצע מעשה וועגן אומברענגען זעקס מיליאן יידן. לויט אט דידאזיקע „געלערנטע" איז די גאנצע משה לא היה ולא נברא, שיאיר נישט א בלבול אויף די דייטשן.

ניין, ניין, מען טאר נישט לאזן פארגעסן. דערפאר וועלן מיר נישט אויפהערן צו דערמאנען וועגן דעם אומקום פון די יידן — אויף דערויף זיינען מיר ניצול געווארן.

מען ווייסט צו דערציילן וועגן 32 געטאס און קאנצענטראציע לאגערן אין וועלכע די יידן האבן געמאכט אויפשטאנדן מיט געווער אין דער האנט. וועגן דידאזיקע ערטער ווייסט מען ווייל אין יעדן פון זיי איז כאטש עמעצער ניצול געווארן כדי צו דרציילן דערוועגן. אבער, עס איז נישט אויסגעשלאסן אז אויפשטאנדן זיינען פארגעקומען אויך אין פיל אנדערע ערטער, נאר ווייל קיינער איז דארט נישט געבליבן לעבן — ווייסט מען נישט וועגן זיי.

ווייל דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא איז געווען דער גרעסטער לויט זיין פארנעם, און געדויערט אמלענגסטן — פייערן מיר דעם טאג פון זיין אויסברוך ווי דעם יארטאג פון די אויפשטאנדן אין אלע געטאס און קאנצענטראציע לאגערן. דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא איז אויסגעבראכן אין דער נאכט פון 18טן אויפן 19טן אפריל 1943. געווען איז דאס אין דער ערשטער סדר נאכט.

אין דער הגדה זאגט זיך אז וועגן נס יציאת מצרים דארף מען מיט כוח אריינהאקן אין די מוחות פון די וועלכע ווילן נישט וויסן דערוועגן, אדער וועלכע זיינען גלייכגילטיק דערצו. פונקט אזוי זיינען מיר מחויב צו דערציילן אונזערע יונגע דורות, סיי די וועלכ האבן נאך קיינמאל נישט געהאט דערוועגן, ס די וועלכע ווילן בכוון נישט וויסן דערפון, וועגן דער קדושה און גבורה צו עלכע די יידן אין די געטאס און קאנצענטראציע לאגערן האבן זיך דערהויבן: א גבורה — וועלכע האט נישט אירס גלייכן אין דער גאנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט; א קדושה — וועלכע קיינער פון אונז איז נישט פעאיק צו באנעמען.

פאר אונז, די דירעקטע אבלים נאך די וועמענס אנדענק מיר פייערן דא, איז „פארגעסן" א ווארט וואס עקזיסטירט לגמרי נישט אין אונזער וואקאבולאר. ווייל מיר זיינען בלוט פון זייער בלוט און פליש פון זייער פליש דאס זנען אונזער אייגענע משפחות און פריינט און ידערע איינער פון זיי שטייט פאר אונזערע אויגן טאג און נאכט. מיט זייער אומקום זיינען אונזערע פערזענלעכע לעבנס צעבראכן געווארן און מיר לעבן אונזער צעבראכנע לעבנס צוזאמען מיט זיי; מיר קענען זיך פון זיי נישט אפשיידן.

קיין קברים נאך זיי, ווו מיר זאלן קענען קומען פארגיסן א טרער,

זיינען נישט פאראן. קומען מיר אהער דא צו די 6 אנגעצונדענע ליכט, וועלכע סימבאליזירן פאר אויז די 6 מיליאן אויסגלאשענע לעבנס זייערע און דא גיסן מיר אויס אונזערע הערצער אויף דעם אומגליק וואס עס האט געטראפן יעדן פון אונז פערזענלעך און אויף דם אומגליק וואס עס האט אינז געטראפן ווי א פאלק.

דא גיבן מיר אפ כבוד די איפשטענדלער אין ווארשעווער געטא און אין אלע אנדערע געטאס; מיר גיבן אפ כבוד די אויפשטענדלער אין דעם קאנצענטראציע לאגער אין טרעבלינקע און אין אל אנדערע קאנצענטראציע לאגערן; מיר גיבן אפ כבוד דעם קדוש ארטור זיגלבוים, וועלכער האט, דא אין לאנדאן, זיך אליין געברענגט א קרבן אויף זיין אייגענער עקדה, אין דער האפנונג אז דערמיט וועט ער איפוועקן דאס געוויסן פון דער וועלט צו די לידן פון די יידן אונטער די נאצים.

דא גיבן מיר אפ כבוד אונזערע טאטעס און אונזערע מאמעס, אונזערע ברידער און אונזערע שוועסטער, אונזערע פרויען, אונזערע מענר און אונזערע קינדער; אלע אונזערע משפחה מענטשן, אונזערע פריינט, אונזערע שכנים; אל די וואס גיין אריין אין דער ענדלאזער רשימה פון 6 מיליאן פרויען, מענער און קינדער — א גאנצער מיליאן קינדער! א גאנצער מיליאן קינדער! — וועלכע זיינען אומגעבראכט געווארן דורך די נאצים, ימח שמם! מיט די ווילדסטע מיתות משונות, בלויז דערפאר וויל זיי זיינען געווען יידן. מיר גיבן אויך אפ כבוד די ציגיינער, וועלכע זיינען אויך אומגעבראכט געווארן דורך די נאציס אויף דעם זעלבן אופן ווי די יידן און פונקט אזוי אומשולדיק.

מיר טוען דאס אין דער האפנונג אז די מענטשן פון דער וועלט — אלע מענטשן און אלע לענדער — וועלן איינזען אז די וועלט איז די איינציקע, וועלכע איז אונז אלמען געגעבן און אז יעדער מענטש האט דאס אומבאשטרייטבארע און גלייכע רעכט צו לעבן אין איר; אז יעדע עטנישע אדער רעליגיעזע, געמיינשאפט האט די זעלבע רעכט אויף עקזיסטענץ אז ס איז נישט פאראן קיין הכערע אדער נעידריקרע ראסן. אז די פארשידנהייט פון פעלקער איז דווקא א מעלה און מאכט מענער די מענטשהייט. אז טאלערירן אייגער דעם אנדערן איז די גרעסטע מעלה. אין אט דער וועלט ווילן מיר, יידן, לעבן און געדייען און בייטראגן אונזער חלק צו איר וווילזיין.

אסתר ערליכמאן

## דער 19-טער אפריל

וואס מיר קומען היינט דערמאנען, איז ביי אונז פארבליבן מ׳קען זאגן א ניט פארהיילטע וונד, עס ציטערן מיינע הענט צו שרייבן. און צו טראכטן, וועגן דאס שרעקליכסטע, און אויסערגעוויינליכסטע, פון אונזער צייט, יענע אויסטערלישע -פרילינג נאכט, ווען די ווארשעווער געטא העלדן, זיינען ארויס אין קאמף, קעגן די אויסגעשולטע, זאטע, באוואפנטע דייטשן, אן יעדן אויסזיכט צו זיגן, נאר צו פארטיידיקן דעם כבוד פון מענטש. מיר האבן שוין ליידער א גרויסע חורבן ליטעראטור אבער עס איז נאך אלץ ניט אויסגעשעפט עס לעבט נאך דער טרויריק בארימטער דאקטאר מענגעלע, ער לעבט אין פאראגוואי און איז לעצטנס ארויס מיט א דערקלערונג, אז ווען ער וואלט געווען אויף דערפריי, וואלט ער באצאלט דער מענטשהייט פאר אלץ וואס ער האט געטאן. און וואס האט דער גרויסער דאקטאר געטאן? און מיט וואס וואלט ער דער מענטשהייט באצאלט? מיט זיינע מעדיצינישע דערפארונגען, וואס ער האט געמאכט אין די לאגערן. ווי צו בייטן די הויט ביי לעבדיקע מענטשן, אדער בייטן די קאליר פון די אויגן ביי קינדער? ער האט געמאכט א קאלעקציע פון בלויע אייגן, יידן האבן בלויז שווארצע, וואס האט ער געטאן מיט די שווארצע? דאס דארף מען ניט פרעגן? ער וואלט באצאלט דער מענטשהייט, ער האט געמאכט די דערקלערונג זייענדיק גוט אפגהיט אין לאטיין אמעריקע. ער אליין האט אומגעבראכט הונדערטער טויזנטער יידן. ניט בלויז אין אסוויטש, ער איז גוט באקאנט געווען אין אנדערע לאגערן אויך. ער האט אומעטום געמאכט פילאזאפישע און מדיצינישע עקספירימענטן ער איז דאך אויך א פילאזאף . . . און פראזיל לעבט נאך אויך דער מערדער פון ליטע, און ווילנע. פריער האבן דארטן געלעבט 80,000 יידן געבליבן זיינען דארטן, 250. פראנץ מאורער וווינט אויף א בארג. ער האט א כארם. צווישן אנדערע בארמעגן האט ער 2000 הינער.

מיט וואס וואלט ער באצאלט דער מענטשהייט האט ער נאך ניט געזאגט, עס וואלט פארנומען צופיל צייט אויסצורעכענען די גרויסע אומרעכט וואס איז באגאנגען געווארן קעגן די יידן. און די אזוי גערפענע וועלט האט געשוויגן, און קיין הילף ניט געגעבן. מיט זייער שווייגן האבן זיי דערמוטיקט די מערדער, וואס היינט זיינען נאך פאראן אזעלכע וואס לייקענען די צאל פון זעקס מיליאן. און מיר ווייסן פון גרעסערע צאל וואס שטארבן נאך איצ היינט צו טאג פון די אלע לידן וואס זיי האבן דורך געלעבט אין די לאגערן.

° ° °

מיר זיינען זיך דא היינט צוזאמען געקומען צו דערמאנען מיט כבוד די העלדישע קעמפער פון ווארשעווער געטא, וואס האבן די ערשטע איפגעהויבן די פייסטן קעגן שונא. עס זיינען געווען אויפשטאנדן אין אנדערע געטאס, אויך. מיט כבוד, און טיפן טרויער דערמאנען מיר ווילנע, ביאליסטאק, מינסק, באברויסק, מיין היים. און אונזערע טייערע שוועסטער און ברידער אונזערע גאנצע פאמיליעס, זיינען אומגעקומען אין די וועלדער און קאמף מיטן גרעסטן שונא פון אונזער פאלק.

ניין מיר זיינען ניט קיין פאלק פון פחדנים, מיר האבן זיך ניט מיט וואס צו שעמען. מיר נעמען דעם געווער אין די הענט צום פארטיידיקונג ניט צום אנגרייפן. אונז איז טייער יעדער קינד, פון וועלכן קאליר ער זאל ניט זיין, שווארץ, ווייס, אדער געל. מיט געבויגענע קעפ, און מיט פארקלעמטע הערצער דרמאנען מיר זיי און וועלן זיי קיינמאל ניט פארגעסן, דאס איז אונזער חוב, און יעדערנס חוב וועמען זייער אנדיינק איז טייער.

אייביקער רום אונזערע גבורים.

יעקב בן־יוסף

## א פארזאמלונג פון פוילישע יידן אין לאנדאן

געווען א מאל א צייט, און דאס איז גארנישט אזוי לאנג, ווען דאס הארץ פון א פוילישן ייד אין די מערב־לענדער האט האסטיק געאטעמט מיט דער לופט פון דער יידישקייט אין פוילן, און מיט שפע געצויגן איר יניקה פון איר געזעלשאפטלעכער דינאמישקייט און קולטור־קוואליקייט. יחידים און דער ברייטער כלל אין דעם פרעמדן ארום האבן זיך הארציק געטוליעט צו דעם אויפגעברויזטן, שאפערישן און גרויסן יישוב אין פוילן, מיט זיין אייגענעם דרך אין יידישקייט, לומדות, וויסנשאפט, דיכטונג און קונסט, א לעבעדיקע פרעסע און וואגיקע געזעלשאפטלעכע באוועגונגען, כדי די כוחות אין דער פרעמד זאלן נישט אויסגיין. ווי א מאל דאס רוסישע יידנטום, איז פוילן צולעצט געבליבן די קרוין פון דעם לעבעדיקן, אקטיוון יידישן כלל־פאלק זענען יידן אין גאר דער וועלט געקומען צו הילף דער פוילישער יידישקייט אין איר שווערער פאליטישער און סאציאלער מערכה, געזוכט תחבולות ווי אזוי צו לינדערן דעם מצב, און ביי גלייך שעפן חיזוק און דערוועקונג פארן כלל יידן אין די נייע וווינערטער.

אויך אויפן באדן פון ענגלאנד מיט זיין יידישלעך אפגעשוואכטן טעמפעראמענט, האבן זיך אין יענע צייטן באוויזן בולטע סימנים פון א דירעוודיקער אקטיוויטעט לטובת דער פוילישער יידישקייט. געווען לאנדסמאנשאפטן און חברות מיט עסקנים און ווארט־זאגערס וואס האבן געפרווט צו דערלאנגען הילף און בשעת מעשה אנצוהאלטן דעם נר־תמיד פון דער פוילישער יידישקייט אויף דער אפגעפרעמדטער ענגלישער ערד. נאכן טראגישן אומקום פון די יידן אין מזרח־אייראפע האט זיך אפילו אט דער שוואכער אנשטרענג אויסגעלאזט און דאס צאנקנדיקע ליכטל האלט זיך ביים פארלעשן. דער אלטער דור פוילישע יידן, תושבים אין ענגלאנד, איז כמעט שוין אוועק, און די נײ־צוגעקומענע, נאך מלחמהדיקע יידן, האבן לעת־עתה נישט באוויזן אויסצופילן דעם מוראדיקן בלויז. עס איז א דור פון יינגערע מענטשן, על־פי־רוב אמאליקע קאמבאטאנטן, וואס



האט זיך נאך די שווערע נסיונות פון מלחמה און חורבן גענומען גאר גיך צופאסן צו דעם ארומיקן שטייגער לעבן, און יידישלעך ווערט מען וואס א מאל מער אפגעריסן פון דעם אמאליקן, היימישן מקור. מען וויל וואס שנעלער פארגעסן פונעם נעכטן, לעבן ווי ווייט מעגלעך מיטן היינט, אינעם הילכיקן ארום, וואס פארווישט מיט דער צייט יעדן זכר פון דער אמאליקער, תוכיקייט יידישקייט. אוודאי איז דאס נישט בלויז א ספעציפיש ענגליש־יידישער פענאמען. מען טרעפט אים היינט אן, צום באדויערן, אין א ריי אנדערע יידישע יישובים איבער דער וועלט, אבער דערמיט פארענטפערט מען נישט דעם אנגעווייטאגטן לאקאלן פראבלעם!

אין ענגלאנד איז נאך פאראן אן ארגאניזאציע פון פוילישע יידן, וואס גייט אונטער דעם כאראקטעריסטישן נאמען „יידן פון פוילישער אפשטאמונג אין ענגלאנד“, א טיטל מיט א פשטל, אבער פשטלען ווילט זיך נישט! ווי ווייט עס לאזט זיך זען איז דאס ביסל עסקנות פון דער ארגאניזאציע א ריין פארמאלע, אפשר אויפן דיפלאמאטישן וועג וועט מען קענען אויספועלן ביי דעם היינטיקן פריץ א קאמפענסאציע פאר דעם צוגערויבטן יידישן האב און גוטס. פון אן אקטיווער, יידישלעך־תוכיקער טעטיקייט פילט זיך הערוויל גארנישט. דאס האט מען אויך געקענט זען ביי דער יערלעכער אסיפה וואס איז די טעג פארגעקומען אין לאנדאן. פון די אכט הונדערט פארשריבענע מיטגלידער זענען זיך צונויפגעקומען א צוויי מנינים יידן, מסתמא גוטע, ווילע שוויגעוודיקע, פארליטענע מענטשן, אן ברען און אן א רעכטער איניציאטיוו. די אומבאהאלפנקייט פון די יידן האט זיך געווארפן אין די אויגן און נאך אומעטיקער איז געווארן אויפן געמיט ווען דער פארזיצער האט געעפנט די זיצונג אין פויליש און די איבעריקע באריכטן וואס מען האט געהערט פון פרעזידיום זענען געווען אין ענגליש, און א יידיש ווארט קוים אויף א רפואה! היינט, ווי אזוי וויל מען אנהאלטן מיט אונזער ביסל המשכדיקער ירושה און מיט וואס קומען מיר צום יינגערן דור, אז דער סאמע תוך פעלט? מיט שיינע פראגראמען און א גוט־געמיינטער עסקנות קען מען נישט באגייסטערן דעם יינגערער דור און אוודאי נישט דרווארטן אז ער זאל אפהיטן די ירושה פון די אבות. דווקא פון די פאליאקן אין זייערע גלות־לענדער, מיט זייער געטריישאפט צו דער פוילישער קולטור, שפראך און שטייגער לעבן, וואלטן מיר יידן אין דעם פרט געקענט א סך אפלערנען.

דער לאנדאנער פאראיין פון פוילישע יידן איז אנגעשלאסן אינעם וועלטפארבאנד פון פוילישע יידן אין ישראל. אוודאי וואלט אן ארגאניזציע פון פוילישע יידן אויפן ענגלישן באדן געקענט עפעס באווייזן סיי ארגאניזאציאנעל און סיי געזעלשאפטלעך־קולטורעל, און אפהיטן דעם רייכן קולטור־פארמעג פון דער טראגיש פארשניטענער פוילישער יידישקייט. עס פעלן אפנים אבער אויס כוחות, אימאגינאציע און איינשטעל, א קלארקייט און ציל און איניציאטיוו, איז מען יוצא מיט קליינע, באשיידענע מעשים, און

א געהעריקן אפקלאנג אויף דער יידישער גאס.

לאמיר נאך מוסיף זיין, אז אפילו ווען עס קומען די הייליקע טעג פון דעם יום־הזכרון נאך דעם אומקום און דעם גבורהדיקן געטא־אויפשטאנד אין ווארשע, לאזן פוילישע יידן אין ענגלאנד נישט הערן דאס אנגעווייטאגט־יידישלעכע און דערצו שטאלצע ווארט אין דעם לשון פון די געטא־קעמפערס און די אומגעקומענע קדושים! מען ארגאניזירט מיט א ריי אנדערע אינסטיטוציעס אן אנזעעוודיקע, שיינע דעמאנסטראציע מיט פענער און ליכט־אנצינדן, אבער דער טראפ ליגט, קען מען זאגן, אויף דעם ביסל חיצוניות מיט א פארבעטענעם גוישן גאסט וואס באשיינט די „שמחה". ווי דער שטייגער איז, פירט זיך דאס אלץ אין ענגליש און קיין יידיש ווארט הערט זיך נישט, א חוץ א צאל לידער אין העברעאיש און יידיש, און אן „קל מלא רחמים", מיט וואס מען פארענדיקט דעם יערלעכן צונויפקום. לאזט דאס איבער א געפיל פון טאג נאגעניש און ווייטאג אינעם הארץ פון א יידישלעכן מענטש.

אין דעם זעלבן סטיל און מסתמא מיט א בעסערער כוונה, האט אויך דער פאראיין פון פוילישע יידן אפגעמערקט מיט א שטיקל צייט צוריק די ליכטיקע געשטאלט פון יאנוש קארטשאק, דעם דערציער און ייד און זיינע קינדערלעך־יתומים. עס איז געקומען א פיינער עולם, מען האט געהערט שיינע רעדעס, אבער געפעלט האט ווידער אמאל דאס לעבעדיק יידיש ווארט צום אנדענק פון דער פארשניטענער יידישקייט אין פוילן. פרעגט זיך, ווי אזוי וויל מען אינטענסיווירן און פארשטארקן אן אמתע פויליש־יידישע ארבעט, און בפרט צווישן דעם יינגערן דור, אויב דער עיקר, דער תוך פעלט? עסקנות אליין, אפילו מיט גוטע־פארטראכטע פראגראמען, איז בפירוש נישט גענוג. אויסגעליידיקטע, אן א פארקניפטער יידישלעכער תוכיקייט ארגאניזאציעס פעלן ב"ה אין אונזער לעבן נישט, און דאס איז אונזער אלעמענס טראגעדיע נאך דעם מוראדיקן חורבן.

ווי האט דאס א מאל אחד־העם אין זיין באריםטן „לא זו הדרך" אויסגערופן מיט צער: אויב א לאנד ווערט חרוב, שטייען אויף עזראס און נחמיהס, נייע, מוטיקע בויערס און בויען ווידער אויף דאס לאנד. אבער ווען א פאלק מיט זיין גאנץ ביסל קולטור־אייגנס ווערט חרוב, ווער וועט עס אויפריכטן, ווער וועט ברענגען די אמתע גאולה? שטייען מיר אלע היינט, דער יחיד ווי דער כלל מזרח־אייראפעישע יידן, מיט זארג און א ציטער אין הארץ און פרעגן די זעלביקע הארבע קשיא, ווי אזוי העלפן ראטעווען און ביי גלייך אפהיטן דאס פארבליבענע רעשטל פון דער אמאליקער, קוואליקער מזרח־אייראפעישער יידישקייט, איר דרך און לעבן און צעשיינטע שאפערישקייט? האבן טאקע באוויזן די נאצישע רוצחים נישט בלויז אויסצוהרגענען דעם וויטאלסטן טייל פון יידישן פאלק, נאר אויך צו פארלענדן זיין זאפטיק־צעבליטע קולטור מיט איר אייגנדיקן נוסח, לשון און דינאמישקייט? אויב אזוי וועט דאס חלילה זיין א בכיה לדורות,



און דאס מוזן מיר פארהיטן מיט אלע כוחות. מוזן מיר וועקן און מוטיקן די מזרח־אייראפעישע יידישקייט אין איר צעשפרייטקייט, און בפרט פוילישע יידן, אז דער צאנקנדיקער נר־תמיד פון אונזער ירושהדיקייט זאל זיך נישט פארלעשן. דאס איז אונזער אלעמענס אחריות און הייליקער חוב, איידער עס ווערט צו שפעט דער זייגער האלט שוין קרוב צו צוועלף, ואם לא עכשיו, אימתי, אויב נישט איצט, טא ווען!

ה ע ר מ א ן  א ו י ז ע ר א ו ו י ט ש

## — ביי די מצות — (פסח־דערציילונג)

א גאנצן ווינטער, גייט איציק דער שיסטער, אין דארף אריין, ארבעטן פאר די פוירים, ער נעמט מיט אין א זעקל, אלע זיינע שיסטער „כלים", אויך גיפעס, א טעפעלע, א לעפל, כדי נישט צו עסן אין זייערע כלים, מילכיגס, קריגט ער גענוג ביי די פוירים, ווי קארטאפל, קעז, פוטער, אייער, שווארץ ברויט, ער שלאפט אויף א בינטל שטרוי, צוגעדעקט מיט א פעלץ, אזוי שלעפט ער זיך פון דארף צו דארף, און מאכט צורעכט זייערע שווערע שטיול פארן ווינטער, אזוי פארברענגט איציק, אלע וואך אין ווינטער, בלויז אויף „שבת", קומט ער אהיים א דערפרוירענער מיט עטליכע גולדען פארדינסט.

אבער, ווי סקומט נאר פאר „פירים", גייט שוין איציק, נישט מער אין דארף צו ווערן געפאריירן זיך ארום שלעפענדיק פון פויער צו פויער, נאר ער פאקט איין זיין שיסטעריי, און שטעלט עס אריין אין זיין גרויסע קאמער, וואס ער האט אין זיין גרויסע שטוב, און ער מיט זיין „בני בית", לאזן זיך אריבער צום רויטן זעליג, דעם בעקער.—

איציק ארבעט שוין יארן ביי זעליג בעקער. אלע יאר צו די „מצות" באקן, נעמט שוין דער רויטער זעליג, קיין אנדערן נישט צו, ווייל איציק קומט נישט אליינט.

איציק אליין איז דער טרעגער, ער טראגט אפ די מצות, צו יעדערן אין שטוב אריין, אין א גרויסן קארב אויף די פלייצעס, צוגעדעקט מיט א ווייס לייליך, און פון יעדן איינעם כאפט ער אבער געלד, עטליכע קאפיקעס.

זיין ווייב גאלדע, א שווארץ חיינעוודיק ווייבל, וועלכע איז זייער פלינק און רירעוודיק, איז די קנעטערין, זי קנייט דאס טייג, און דערלאנגט מיידיס, צום וואלגערן די מצות, א מיידל פון א יאר אכט איז די מעלערין, זי שיט אריין מעהל אין א בעקן צום קנעטן, און זיינע דריי בנים איז איינער דער אינגערער, א גיסער ער גיסט וואסער ביים קנעטן, דער צווייטער, איז א דערלאנגער צום אויון, און דער דריטער, איז א רעדלער — אזוי האט זיך יעדער זיין ארבעט, און יעדער פארדינט אויף „פסח".— —

אלע אין דער פרי, ווען ס׳איז נאך פינסטער, די שטערן באדעקן נאך דעם הימעל, ווי אויס געזעצט מיט דימאנטן, אין דרויסן כאפט נאך א גוט פרעסטל, די שויבן אין קליינעם פענסטערל זענען נאך באפוצט מיט פראסטיגע בלומען, הערט מ׳שוין קולות! ביי איציקן אין הויז.—

„חברה״, שטייט אויף צו די מצות! ס׳איז שוין שפעט חברה! און גאלדע, לויפט געשווינד פון איינעם צום צווייטן, און שלעפט פון זיי אראפ די ווארימע פעדערנע דעקן. יעדער כאפט אויף זיך וואס עס איז, איינער גענעצט, איינער ראנגעלט זיך, זיי זאגן „שמע ישראל״ — מיט א גלאז קאווע, מיט א זעמעל, איציק, אנגעטין טלית און תפלין, מורמעלט עפיס געשווינד, און יאגט זיי איבער, געשווינד חברה! ס׳איז שוין שפעט! און אלעס לויפט אוועק אין בעקעריי.

אין בעקעריי שטייען שוין די גוי׳יעס און ווארטן צו וואלגערן די מצות

גאלדע פארקאטשעט די ארבעט, פארבינט זיך דעם קאפ מיט א ווייס טיכעל, און נעמט זיך צו דער ארבעט, און באלד ווערט באשאפן א מיירע אויפן טיש, געזונדע גוי׳יעס מיט רויטע טיכלעך אויף די קעפ, ווארפן מיט זייערע הענט מיט די וואלגער העלצער, ביי לאנגע טישן און וואלגערן אויס שיינע רינדיגע „מצות״, מ׳דערלאנגט „מצות״ צום רעדלען, און איציקס א זינדעלע לויפט מיט א „מצה״, וואס הענגט אויף א וואלגער האלץ און שרייט א מצה — אין אויוון אריין!—

און זעליג, דער בעקער, מיט א רויטע בארד, מיט א בויך וואס הענגט אראפ ווי א ליידיגער זאק, ער הוסט אלע מאל אונטער, דרייט זיך ארום און שרייט צו די גויה׳ס: — —

דאליע קאביטקי! דאליע קאביטקי! — און די גויה׳ס צוזינגען זיך הויך מיט א קול — „יעשטשע פאלסקא ניע זגינילא״! און ארבעטן געשמאק.

און מיטן דערינען, דרייט זיך ארום דער הייכער ר׳ יעקב, דער „מש־גיח״, מיט א לאנגע גראהע בארד, מיט א לאנגן טלית־קטן, ווי די „ציצית״ באמבלען אים נאך פאר די פיס, מיט וואלגער העלצער הינטערן ארים מיט א שטיק גלאז אין דער האנט קראצט ער אפ דאס חמצ׳דיקע — טייג, און זינגט זיך אונטער א „גמרא״ ניגונדעל — —

און דער שווארצער יונה, דער שיבער, שטייט אין א גריב ביים אויוועז און שוויצט, און ארבעט מיט די שויפלען, און שרייט צו איציקס זינדל, געשווינדער דערלאנג די מצות, דו ממזר, איינער! זיינע קולות, הערט מען איבערן גאנצן באק־הויז.

דער באק הויז, זעט אויס ווי א „גהינם״, מ׳ווערט פארשווארצט, מ׳עסט געבראטענע קארטאפל.

אבער ביי איציקן, איז אלעס אנגעלייגט מ׳ווייסט, אז מ׳ארבעט „לכבוד פסח״ — —

אז ס׳קומט אבער פסח, דערקענט איר שוין נישט איציק שיסטער! ער געט זיך אויס געפוצט, אין א נייע קאפאטע, ארום געשוירן ס׳בערדל,



מיט א הארטן פאפירענעם קראגן, מיט א שניפס — און גאלדע, מיט א נייעם שייטעל, א נייע קלייד, די יינגען, נייע מלבושים, אלע אויס א געפוצט ווי די גרעסטע נגידים —

די שטיב אויסגעקאלעכט, פריש שטרוי אין די בעטען, אלץ ריין אפגעריבן ריין פסח׳דיק, א גאנצער פאס מיט רויטן בארקע בארשט, וואס גאלדע, האט אליינס אנגעשטעלט, ס׳גאנצע שטעטל, טרינקט פסח, פון איר בארשט. ווען איציק שעפט אן מיט א קופערנע שעפ, דעם רויען בארשט פסח נאכן פעטן מיטאג, און טרינקט, גלעט ער זיך ס׳בייכל, און מאכט אזא מחיה — ווי ער וואלט געטרונקן שאמפאנייער!

ביים סדר זיצט איציק, — אויף א ווייסן קיטעל אין א ווייסען הסבה־בעט, איך ס׳גאנצע בני בית, ארום דעם טיש, און מ׳זאגט די הגדה —

און גאלדע פארעט זיך ביים קיך, מיטן עסען, און רעד צו זיך —

דאנקען דעם וואס איך בין נישט ווערט אנצורופן זיין נאמען: אנ־געגרייט א פסח, אויף אלע יידישע קינדער געזאגט, טאטע זיסער, געארבעט שווער, אבער צו קיינעם חלילה—נישט אנגעקומען—דאנקען גאט, דערפאר.

און איציק, זיצט און שיינט ווי א מלך, ער איז פרעהלעך! גוט אלע־מאל א קוק, אויף זיין מלכה, און וויצלט זיך מיט א גראם —

גאלדע, זיי פרעהלעך — —

היינט, איז איציק שוסטער, א מלך! — —

לארד עדווין סעמיועל*

## די דריי און דרייסיק קארדינאלן

טבריה, וואס ליגט אין ירדן־טאל, זעקס הונדערט פוס אונטער דער איבערפלאך פונם מיטללענדישן ים, איז א פארגעסן שטעטל אין מדינת־ישראל. יא, אסך מענטשן קומען קיין טבריה צו די הייסע בעדער אדער צו אנטרינען פון ווינטער, אבער זעלטן פאסירט דארט עפעס דאס אנ־רעגנדיקסטע פון טאג דארטן קומט פאר אינמיטן אין דער פרי, ווען דער אויטאבוס פון תל־אביב שטעלט זיך אפ מיט — און טיילמאל אן — די טעגלעכע צייטונגען. וואס שייך זשורנאלן פון חוץ־לארץ, איז עס ווי איר וואלט זיך געפונען אויף דער לבנה. אמאל אמאל קומט דאך אן אן ענגלישע אדער אן אמעריקאנישע צייטשריפט, א וואך צי אפילו א חודש פארלטערט, און זאמלט אויף זיך שטויב, ליגנדיק ביים צייטונגס־פארקויפער אויף דער פאליצע. איז זיך דאך נישט צו וואונדערן וואס טבריה לעבט בעיקר פון קלאנגען. אויב איר רוימט עמיצן איין אין אויער, אז איר האט געהערט פון א באגלויבטן מקור ווי דער אנגעזעענסטער אביון פון שטאט בויט זיך א גרויסארטיקע ווילע, מיט דריי באדע־צימערן, נישט בלויז וועט מען עס אייך גלויבן, נאר מען וועט נאך קריטיקירן דעם בעטלער

פאר זיין קארגקייט, וואס ר' לאזט זיך בויען נישט מער ווי דריי באדעצימערן. פארשפרייט איר א קלאנג, אז א בכבודער פרימער ייד האט בדעה צו שיקן זיין עלטסטן זון זיך לערנען אין א קריסטלעכער שולע דארטן, וועט מען אויפכאפן אט די ידיעה און מען וועט זיך קוויקן מיט איר איבער גאנץ טבריה. אפילו דאס גערייד וועגן א העסלעכער פרוי אין שטאט, וואס איר מיאוסקייט איז נישט צו באשרייבן און אליין איז זי שוין אין אירע זיבציקער, ווי אן אמעריקאנער טוריסט, אן עושר, האט זיך געשדכנט צו איר, וועט מען גלייך נעמען זיך משער זיין וועגן סטיל פון איר היפה־קלייד. און זינט דער פויפסט בכבודו ועצמו איז אדורכגעפארן טבריה, הגם בעצם כמעט אומגלייבלעך, איז טבריה שוין גרייט צו גלויבן אין אלעם.

דער רעש איבערן פויפסט באזוך האט זיך אנגעהויבן איינצושטילן און די געסט אין האטעל עלי־כנרת האבן זיך גענומען אויסזעצן אויף די ליג־שטולן אויף דער טעראסע, וואס האט אריבערגעבליקט איבערן ים־כנרת, ווען א נייע כוואליע פון התפעלות האט זיך א טראג געטון איבער די זאלן פונם האטעל. די באדינערשאפט האט זיך אנגעהויבן פארזאמלען אין גרופקעס, דיסקוטירנדיק די סאמע לעצטע נייעס. דריי און דרייסיק קארדינאלן וועלן דא צומארגנס עסן מיטאג! אויב דער פויפסט בכבודו ועצמו קומט אהער, פארוואס נישט א העלפט פון הייליקן קאלעגיום? אז איך האב פרובירט אויפצואווייזן ווי אזא אויסערגעוויינטלעכע פאסירונג וואלט געווען געמאלדן לכתחילה אין די צייטונגען אדער לכל הפחות דאס אויסערן מיניסטעריום אין ירושלים וואלט געדארפט זיך פארשטענדיקן דעריבער דורכן טעלעפאן, האט מען פראסט און פשוט גרינג געשעצט מיינע ספקות.

— דאס יעל־טורס רייזע ביורא אין תל־אביב האט אונז צוגעשיקט אט די ידיעה. יעל־טורס איז א געזעלשאפט, אויף וועלכער מען קען זיך פארלאזן — האט די האטעל־פארוואלטערין מיר געגעבן צו פארשטיין.
— זיי האבן אונז נאך קיינמאל נישט אפגענארט. זעט, אט איז זייער טעלעגראמע. קלאר און דייטלעך שטייט דא געשריבן: „33 קארדינאלן מארגן צו מיטאג. פרייטאג. פיש פאר אלעמען.“

און וואס איז דא דער חידוש, אז אויב דריי און דרייסיק קארדינאלן פארן ארום איבערן גליל זאלן זיי וועלן עסן מיטאג אינם האטעל עלי־כנרת? נאך אלעם איז עס דאך דער בעסטער האטעל אין שטאט, וואו בן־גוריון, ווען ר'איז געווען פרעמיער מיניסטער, פלעגט רעגולער פון צייט צו צייט פארברענגען א וואך־צוויי יעדן ווינטער.

דער עלי־כנרת שטייט נישט ווייט פון ים, ביים צפון־עק פון דער שטאט, וואו דער שאסיי פון נצרת פארקערעוועט זיך צום ים־ברעג, פונקט אויף יענער זייט טורם פון דער מיטלאלטערלעכער שטאט־מויער. גייט איר אריין אין דער שטאט לעבן דעם שאסיי פון נצרת, ווענדנדיק זיך אויף דרום זייט, קומט איר צום לאנדונגס־ארט פון די שיפלעך מיט די פיש־רעסטא־



ראנען און שענקען. עס שטייען דארט קליינע טישלעך ביים ברעג, וואו דאס לאנדונגס־ארט איז באצירט מיט בלומען־קעסטלעך — איינער פון די ווייניקע סימנים פון טעטיקייט מצד דער האלב־פארשלאפענער שטאט־פארוואלטונג. איר זעצט אייך אנידער ביי א טיש'ל טרינקען קאלט ביר און אזוי שוין כאפט איר א קוק איבערן כנרת צו די טריב־פינסטערע סירישע בערג אויף דער אנדערער זייט. נאקעט און בלויז זענען זיי אויס אונטער דער זון אינמיטן טאג, טונקל־רויט און אומבאוואוינט. דאך שפעט נאכמיטאג, בעת דאס ליכט ווערט האריזאנטאל, קען מען שוין ארויסגעפינען געוויסע פלאנטאציעס פון דער ווייטנס אויף די משופעדיקייטן. ביינאכט קען מען אפילו זען די ליכט פון געוויסע סירישע דערפער איבערן אויף פלאך לאנד, בלישטשענדיק און גלאנצנדיק אקייגן דעם טיף־בלויען הימל.

גייט מען אין דער צפון־ריכטונג לענג־אויס דעם ים־פראנט און פארביי די מאסן, וואס שפאצירן ארויף און אראפ דעם לאנדונגס־פלאץ, גייט מען אריין אין גארטן פון האטעל עלי־כנרת דורך א פריוואט טויער. דא אין גארטן דערהייבן זיך פאלמען־ביימער איבער סובטראפישן פלאנצן־וואוקס. די גאנצע נאכט קען מען הערן דאס גערויש פונם אנשלאגנדיקן וואסער קעגן דעם שווארצן זיילנשטיין, וואס אונטערשטיצט די מויער לענג־אויס דעם ברעג פון האטעל־שטח, בייטאג אויך אזוי. עס מאכט אן איינדרוק ווי מ'וואלט זיך געפונען אויף א טייערער טוריסטן־שיף אויף א לוסטרייזע אין ווינטער, אינגאנצן ווייט אוועק פון אלעס. איבערראשנדיק און עק פון זון־פערדעק — די טעראסע מיין איך — געפינט זיך דארט א בוים־אלייע פון אלטע אייקאליפטוס ביימער, וואס רוישן אין ווינט. אט די דאזיקע ביימער גיבן עס דעם האטעל זיין נאמען — עלי־כנרת, בלעטער פון ים־כנרת.

קוקנדיק אזוי אויפן פיל־שטאקיקן האטעל מיט זיינע נייע הויז־פליגל, וואלט איר אייך גארנישט משער געווען, אז דער עלי־כנרת איז אויפגעבויט און אויסגעבויט געווארן איבער אן אלטן גאראזש. אבער עס איז דאך געווען קירט האלברעכטס ווארשטאט צום פארריכטן אלטע מאטארן און אויטאס, מיט די דיקע און אומגעלומפערטע בעטאן־ווענט, איצט באדעקט אינעווייניק מיט מארמארשטיין, וואס איז אויסגעפערטיקט אלס א קילער סאלאן. די האך־פענסטער זענען נאך אלץ דארטן דא, אבער זארגפעלטיק פארהאנגט בייטאג אקייגן דער ווילדער היץ פון דער זון. ביינאכט קען מען אדורכקוקן דורך זיי און זען דעם געדיכט־באשטערנטן הימל. מיט די פיינע אריענטאלישע טעפיכער אויפן קאכלע־געפלאסטערטן דיל, גוטע בילדער אויף די ווענט און איניקע אויסגעצייכנטע סקולפטורן אין גארטן, און וואס איז פריער געווען א טריב־שמוציקער גאראזש האט זיך פארוואנדלט און אנטוויקלט אין א לוסטיקן מאדערנעם האטעל.

לחלוטין גארנישט איז ווען עס איז איבערטריבן אין דעם עלי־כנרת: אומעטום פילט זיך א גייסט פון א געזונטן חוש, פאר דעם און יענעם.

א מינימום פון פארמעגלעכקייט הערשט דארטן. קיינעם פאלט עס אפילו נישט איין אויסצורעכענען א ליסטע פון אייגענער אונטערוועש: איר גיט די וועש איבער דער באדינערין און איר באקומט צוריק אייער וועש קאמפלעט, פריש און אן א פלעק צו דער געהעריקער צייט. קאווערטן און שרייב־פאפיר ליגן אנגעגרייט פאר יעדן גאסט: נאר ווער האט עס די ענערגיע, אין דער מיטאגזער לופט פון טבריה, צו שרייבן בריוו?

דער האטעל איז נישט זער גרויס, אבער מען האט דארט א געפיל פון גערוימקייט, ווי אין א געקליבענעם קלוב־לאקאל פאר פריצים. און אט דאס אלץ האט מען צו פארדאנקען דער פארוואלטערין — טאטי רייזנ־בערג. פערזענלעך איז טאטי גוט באקאנט פאר אן אויסערגעווײנלעכער גאסט־ווירטין, נישט בלויז אין טבריה, נאר אין ארץ־ישראל בכלל. זי וואלט געקענט ביישטיין אירס גאנץ לייכט אינם ריטץ־האטעל אין לאנדאן. הגם שוין צוביסלעך גרוי, איז זי נאך אלץ קרעפטיק, אינטעליגענט און ענער־גיש, מען געפינט זי דא, דארטן און אומעטום. זי קוקט אויף די געסט אירע, איר שטאב און אפילו אויף זיך אליין מיט א קוים־באמערקבארער מינע פון אמוזאנטקייט. היינטיקע צייטן רעדט מען נישט אין די האטעלן פון קונדן אדער קליענטן, מען רעדט פון „געסט”, און אינם עלי־כנרת פילט איר זיך ווי איינער טאקע. איר זענט טאטיס א גאסט, א ווארעם־ווילקאמענער מיטגליד ביי אן אייביקער פארטי אין א קלוב־לאקאל אויפן לאנד. עס איז דעמלט א גרויסארטיקער אוונט, ווען טאטי פארנעמט אן ארט ביי אייער טישל צום מיטאג.

נייך, ס'איז נישט קיין לייכטע זאך צו פארוואלטן מיט א האטעל, איבערהויפט א יידישן האטעל, ערגעץ־וואו אין דער וועלט און נאך דערצו צו פארוואלטן מיט א יידישן האטעל אין ארץ־ישראל, וואו אלץ דארף זיין שטרענג כשר און מען מוז אפהיטן די דינים פון שבת, דערצו מוז מען שוין האבן פענאמענאלן מוט. אפילו אינם עלי־כנרת, אויב איר פאר־לאנגט מילך אין אייער קאווע נאך א פליישיק מאלצייט, מוזט איר אייך אוועקזעצן ביי אן אנדער טישל, כדי עס צו טרינקען.

און פארגעסן זאלט איר נישט: געפינט אייך אין טבריה, א פרא־ווינציאל מוטנע־וואסער, וואו במשך די לאנגע היצן איז זומער זענען די הייסע בעדער כמעט פארלאזן. ס'איז זער שווער צו נייגן דערפארענע האטעל־באדינער צו קומען קיין טבריה, און אפילו נאך שווערער זיי איבער־צורעדן דארט צו פארבלייבן. אבער טאטי קען די קונץ, האט זיך אויס־געלערנט נאך מיט יארן צוריק, צו באקומען ערשט־קלאסיקע געהילפן, וועמען זי לערנט נאך גרעסערע טיכטיקייט, באאיינדרוקנדיק זיי מיט א העפטיקער איבערגעגעבנקייט צום עלי־כנרת און צו איר פערזענלעך. נעמט, למשל, דעם מר באהאמא, מיט זיין בלייכקייט, רונדיקע אויגן הינ־טער די ברילן זיינע, ווי ער פארוואלטעט דאס מיטן ביורא אין פראנט. יארן און יארן ארבעט ער שוין דא. אדער נעמט פרידא, די וואכזאמע



הויז־האלטערין, וועמען עס קומט אויס יעדן טאג צו גיין, מינדעסטנס, א טוץ מייל איבער די האטעל־קארידארן. איז עס מסתמא נישטא סתם קיין צופאל וואס קיינער פון דער באדינערשאפט איז נישט פארהייראט. זייער איבערגעגעבנקייט איז בלויז צום עלי־כנרת. פאר זיי איז דאס דער איינציקער האטעל אין דער וועלט וואו צו ארבעטן; און זייער שטאלץ דערין איז אזוי גרויס ווי דער שטאלץ פון א יונגן אפיציר אין דער קעניגלעכער גווארדיע־בריגאדע. און ווי אין א בארימטן רעגימענט אריין, אזוי וויל יעדער איינער קומען דינען אין האטעל עלי־כנרת. ווארום צו זיין אויסגעשולט פון טאטי איז ממש א פאספארט אין יעדן אנדערן האטעל אריין אין דער וועלט. אמאל אמאל פילט זיך עמיצער פון אירע תלמידים אין א נסיון צו אנטרינען און אנצונעמען א שטעלע אין א גרעסערער און רייכערער אינטערנעמונג, וואו דאס ביר־געלט איז מער. אבער פריער צי שפעטער קומען זיי אלע צוריקצולויפן צו טאטי, ווי דער בן־סורר ומורה.

טאטי הערשט איבער א שארף־געשמאנטעד שיף. טאמער גייט עפעס פארקערט — און דאס טרעפט זער זער זעלטן — האלטן די העכערע אנגעשטעלטע אויפן ארט א מין שטאנד־געריכט; די סיבות ווערן גלייך פעסטגעשטעלט, מעשים אונטערגענומען מניה־וביה, און א סוף דרצו. דער פועל־יוצא איז, וואס דער האטעל גייט ווי אויף רעדער. יעדער איינער נישט בלויז וואס ער ווייסט וואס ער האט צו טון, נאר קען אויך טון אן אנדערנס ארבעט וואו נייטיק. נישטא דארטן קיין פוסטער שטאלץ. דער היפט־קעלנער איז נישט צו גאווהדיק צו באדינען אין דער שענק; און פרידא אליין וועט אויך ארויסהעלפן אלס קעלנערין ביי העכסטע צייטן. באמת, אן ערך א האלב טוץ מענטשן אין עלי־כנרת זענען אימ־שטאנד — און טוען עס אויך — צו פארוואלטן מיטן האטעל בשלימות אפילו אפילו וואכנלאנג אין טאטיס אפוועזנהייט.

אפילו אין איר אויסוואל פון געסט פארשטייט טאטי ווי צוזאמען צו בראנגען א ריכטיק געמיש. מערסטנטיילס זענען עס ישראלים פון די גרעסערע שטעט; נישט די זער רייכע, אבער פארמעגלעך גענוג זיך צו קענען פארגינען אירע פרייזן. און אט די דאזיקע זענען איינגעשלאסן דאקטוירים, לוסטיקע פראפעסארן, געשעפטסלייט און הויכע באאמטע. די דאקטוירים און געשעפטסלייט ווערן כסדר גערופן אויפן הילכער בקול־רם אויף א געשמאקלאזן עברית־מאנאטאן: „ד״ר קוגלמאכער ווערט גע־בעטן צום טעלעפאן, ביטע; ד״ר קוגלמאכער צום טעלעפאן, תודה רבה.” אט אזא אנאנסירונג העלפט אייך איינצוזען אויף א מאמענט, אז אינ־דרויסן עקזיסטירט נאך א וועלט.

געווינטלעך איז דא דא א זיכערער שטראם פון העכסט וויכטיקע פערזענלעכקייטן, געסט פון דער מדינת־ישראל רעגירונג — פארלאמענטא־ריער, סענאטארן, בירגערמייסטערס און נאבעל־פרייז טרעגער, יעדער איינער פארזארגט מיט א בערנפירער מצד דעם ישראל אויסערן־מיניסטעריום. אן

אנדער גרופע באשטייט פון דריטן אדער פערטן דור ענגלישע יידן, אלע בלויז סוחרים. איר׳ט נישט געפינען צווישן זיי קיין יאסעלע קאהען אדער א היימי לעווי, ווישניצקיס צי קאדליאטשוקס אט די דאזיקע זענען שוין טראנספארמירטע אנגלא־זאקסאנס — מיסטער ריטשארדס, מיסטער גיבסאן און מיסטער קעי. ווער האט עס די השגה פון זייער געפיל פון באפרידיקונג בשעת זיי און זייערע מינק־באקליידעטע ווייבער גריסן אט די דזשענטלמענישע נעמען זייערע, געצייכנט מיט אינדישן טינט אויף די טיש־קארטעס, אויסגעשטעלטע ווי מצבהלעך פאר יעדן איינעם צו זען. „א, קוק, נארמאן: זיי האבן אויסגעשטעלט אונזער נאמען אויף אונזער טישל!״ צוזעצט איז דארט דא א צאל עלטערע פענסיאנירטע ענגלענדער און ענגלענדער, וואס האלטן נאענט פענסיאנירט צו ווערן, וועמעס פרויען טראגן באמערקבארע שיך — קינסטלער, שרייבער און באאמטע אויסן צו געפינען א שטיקל רואיקע צייט ווייט אוועק פון דער קעלט אין גרויס־בריטאניען. ניין, טאטי מאכט נישט קיין טעות: צווישן אירע געסט געפינען זיך קיינמאל נישט קיין צופיל חילאים; אינוואלידן, ליארמדיקע קינדער, אמעריקאנישע פאצעטן, ארטאדאקסישע רבנים און זייערע פארבארגענע, יונגע ווייבער, גודניקעס, פיאנא־גרימפלער אדער פארברענטע קארטנשפילער אין ברידזש.

ביז אהער האבן מיר באהאנדלט די באוואוינער. דאן זענען נאך דא די פאריבערגייענדיקע, די צופעליקע טוריסטן אין אויטאבוסן וואס קומען בלויז אפעסן א מיטאג, און וואס מען באדינט זיי אין א באזונדער עס־צימער. ס׳איז טאקע געווען אט דאס דאזיקע עס־צימער, וואס מ׳האט ספעציעל פריי געמאכט פאר די דריי און דרייסיק קארדינאלן: צוצוגרייטן פיש איז נישט געווען קיין פראבלעם; געפינען זיך דען נישט ווארט־ווערטלעך פעטער־פיש לרוב ביי דער סאמער שוועל פון האטעל? די פישערלייט פון ים־כנרת ברענגען זיי אהער יעדן פרימארגן — פרישע, גרויסע, פעטע און שפיציקע; זער באטעמט ווען געפרעגלט. נאר וואס נאך פארלאנגען די האטעל־געסט אין אלגעמיין אחוץ פיש? פאר טאטין איז עס שוין נישט אזוי לייכט צו געפינען א שפייז־צעטל, וואס זאל צופרידנשטעלן אלע געסט אירע. מדינת־ישראל האט נאך נישט אנטוויקלט קיין אייגענע קאך־קונסט. אויף טאטיס שפייז־צעטלען זענען איינגעשלאסן ביסלעך פון אלעם: רוסישע פוילישע, יידישע, אונגארישע, אמעריקאנישע, ענגלישע, פראנצויזישע, איטאליענישע, אראבישע און דייטשע, איבערהויפט דייטשע מאכלים. אט דאס קען מען קלאר זען ביים פרישטיק, ווען עס גריסט אייך א בופעט פון באמת באראנישער מאס, אויף וועלכן עס זענען אויסגעשטעלט א מענגע טעלער פאר אייער אויסוואל. קעז מכל־המינים האט איר דארט, יעדן סארט געזאלצענע פיש, רויטע און גרינע פאפריקע צעשניטן אויף שטיקלעך, טעצעלעך מיט גרינע און שווארצע מאסלינס, פאמידארן פון ירדן־טאל, געשמאקע פראנצויזישע זעמעלעך געבאקן אין טבריה, און דער עלי־כנרת איז איינער פון דער קליינער צאל האטעלן, רעסטאראנען אדער ביר־שענק



אין מדינת־ישראל, וואו איר קענט באקומען דעם זאפט פון פרישע פאמעראנצן, די נאציאנאלע פרי. ערגעץ־אנדערשוואו אין ישראל האלט מען, אז צוצוגרייטן פרישן פאמעראנצן־זאפט פאר צופיל טרחה און נעמט אפ פונם פארקויף פון משקאות, וואס ברענגען אריין א הויכן פראפיט.

די באדינונג אין די עלי־כנרת עס־צימערן, וואו יעדעס טישל איז באדעקט מיט א פריש־געוואשן טישטוך, איז ממש אויף דער העכסטער מדריגה. צו באדינען הונדערט מענטשן מיטאמאל, ביי באזונדערע טישלעך, יעדע גרופע אנקומענדיק צו אן אנדערער צייט, דערצו פאדערט זיך נישט בלויז חשק, נאר דערפארונג אויך. און אין דער הינזיכט האט טאטי באוויזן איר גרויס וואונדער — זי האט אויסגעבילדעט א געקליבענע מאנשאפט, יידישע מיידלעך פון די פרימיטיווסטע קהלות אין טבריה. אלע זענען זיי פון כמעט דעם זעלבן עלטער, גרייס און שלאנק; אלע האבן די ליבלעכע מראה פון מילך־מיידלעך. יעדע איינע איז געקליידט לויט איר איינפאכן גוסט; איינע דא אין א וואלענער שאטלענדישער ספודניצע, איינע דארטן אין שווארצן מיט א שווארצער בלוזקע, אן אנדערע מיט א ווייסער בלוזקע, אבער אלע רעגולער טראגן די האטעל־פארטוכלעך. זייער נאטירלעכע יוגנטלעכע ענערגיע האט מען אזוי געצוימט ביז זיי אנגעהויבן זיך באוועגן מיט א קעניגלעכער גראציעזקייט. נישטא קיין סערוויר־טישלעך אינם האטעל עלי־כנרת, און יעדעס מיידל שוועבט זיך ארויס דורך דער שווינדל־טיר פון דער קיך, מיט אן אנגעלאדענער טאץ, גלייך צו אן אינדיווידועל טישל צו. זייער געגיי פון טישל צו טישל איז ווי א גוט־פראבירטער און פארוויקלטער באלעט, אן צייט־פארלוסט, אן זיך צו שטופן, אן צו קריגן זיך איינער מיט דער אנדערער — מינדעסטנס נישט וואו א גאסט וואלט געקענט עס הערן —. זיי האבן אן איבערפלעכלעכע ידיעה אין א זעקס־זיבן לשונות, צווישן זיך אבער רעדן זיי אראביש. נאר ווען אויף דינסט שווייגן זיי מערסטנטיילס טראגן א מאט, גלייכגילטיק שמייכעלע, ווי פרינצעסינס אינקאגניטא, וואס וועלן באלד אוועקאיילן זיך איבערצוקליידן צו א באל. כסדר האלטן זיי די אויגן אפן צו יעדן גאסטס פארלאנג, און ווייסן וואס צו טון אפילו ווען מ׳בעט עס נישט. טרעפט אמאל, אז א גאסט, א כראניש־ליידנדיקער אויפן מאגן, וועט זיך געפינען אין א נסיון איבער אן עקסטרא ביסל עסן פון א געריכט אינם פארשווענדערישן מאלצייט. א פינסטער בליקעלע וועט זיך דאן לייגן איבער זייערע ברעמען. פונקט ווי דער אפזאג וואלט געהאט צו טון מיט א חסרון אין עלי־כנרת און נישט מיט זיך אליין. זיי בעטן אייך דעמאלט „נעמט דאך נאך אביסל! אדער וואלט איר געוואלט עפעס אנדערש?״ און תמיד אינם הינטערגרונט שוועבן ארום טאטי, פרידא און מר באהאמא. אזוי ארום האט יעדער גאסט כסדרדיקע אויפמערקזאמקייט, א באשיינפערלעכן באווייז, אז מען גיט אכטונג אויף אים, אז ער איז וויכטיק. זיין איך לייגט זיך בארואיקט און אנטשפאנט.

אַזוי ווי עס איז טאַקי מיט איר שטאַב געווען ביי זיך גאַנץ זיכער, אַז מען וועט זיך אַן עצה געבן מיט די 33 אָדער וועלכע ס׳איז צאָל קאַרדינאַלן, דאָס טוריסטן־געשעפט אינם פּאַרזאַאַל פון האָטעל האָט זיך ווי באַלעבט; בונט־קאָלירטע פּאָסטקאַרטלעך פון דער קירך אויף דעם באַרג פון דער בערג־פּרעדיקט און פון דעם פּאַרצייטיקן בית־הכנסת אין כפר־נחום זענען געווען אויסגעשטעלט פּראָמינענט. קליינע אַלבומען מיט געטרוקנטע בלומען פון הייליקן לאַנד, ציער־קעסטעלעך פון אייל־בירט־האָלץ און, יאָ, געוויס, צענדליקער רויזנקראַנצלעך, זענען געליגן אויסגעלייגט אויפן צייל־טיש.

יעדער מיטגליד פונם שטאַב פאַרנעמט זיך צום באַפעל אויפן מקום פון זיין טעטיקייט. מר באַהאַמאַ נעמט זיך דאָ און דאָרטן אויף אַן אַנטגילטיקער אינספּעקציע, אויסגלייכנדיק אַ שטול אויף דעם אָרט, אַ טיש אויף יענעם אָרט, פאַרבאַרגנדיק די מאָדע־זשורנאַלן — איבערגעלאָזט פון די פריערדיקע געסט — וועלכע אַנטהאַלטן בילדער פון האַלב־נאַקעטע און כמעט־נאַקעטע מאָדעלקעס, אַזוי אומטויגלעך פאַר די אויגן פון הייליקן קאַלעגיום. דערנאָך שליסט ער זיך אָן מיט טאַטי און פרידאַ ביים גאָרטן־טויער אָפּ צו וואַרטן דאָס אָנקומען פון דער וואַטיקאַן־פּאַרטיי.

קריסטלעכע אַראַבער, העדנדיק די נייעס, זענען אָהערגעקומען פון אַלע טרומיקע דערפער, ברענגענדיק מיט זיך צו טראָגן די טראַדיציאָנעלע אייל־בירט־בוים צווייגן אַלס אַ סימן פון זייער אמונה און אין דער האָפענונג צו באַקומען אַ ברכה פון מינדעסטנס איינעם פון די קאַרדינאַלן. אַ זקנה, זיצנדיק אויף אַ שוועל אַנטקעגנאיבער דעם האָטעל, האָט צונויפגענייט צוויי אייל־בירט־בוים בלעטער אין דער פאָרם פון קרייץ אויף דער לאַץ פון איר בעסטן סאַמעטן, העל־פּיאָלעטן זשאַקעטל, וואָס צום באַדויערן איז עס שוין אָפּגעבליאַקעוועט. אַ גרופּע יונגע יידן פון טבריה, געקליידט אין ענגע הויזן און שפּיציקע איטאַליענע שיך, שטעלט אָן אַ טראַנזיסטאָר־ראַדיאָ אַפּאַראַט, כדי אויפצוכאַפּן די נייעס וועגן דעם באַזוך און די גענויע שעה, ווען די דערהויבענע פּאַרטיי געסט דאַרף מען דערוואַרטן אין טבריה. לעת־עתה האָט מען נאָך גאָרנישט אַנאָנסירט, נאָר עס מאַכט נישט אויס, די 33 קאַרדינאַלן זענען שוין אונטערוועגנס. די גאַנצע שטאָט ווייסט דערפון און וואַרט אויפן אָנקומען זייערן.

אַ פערד און וואָגן צו ליווערן נאַפט אין די פאַרשטעט פון הויז צו הויז פאָרט פאַרביי דורך די רייען מענטשן, וואָס שטייען און וואַרטן. הינטערן וואָגן צופוס פאָלגט דער שטאָטישער גאַסן־קערער, אַן אַלטער ייד פון מאַראָקאָ מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, וואָס דער קאָפּ איז אים איינגעהילט אין אַ מין מאַראָקאַנישן כאַלאַט פון וואָל ביז צו די פיס. ער רוקט זיך פאָרויס אין זיינע רויטע שטעקשיך, שטופּנדיק פאַר זיך אַן אַלומיניום פּעסל אויף רעדלעך, קאָמפּלעט מיט אַ לאַנגער שויפל, אַ גראָבליע און אַ בעזעם — וואָס דאָס איז דאָס סאַמע לעצטע וואָרט אין דער



אויסשטאַטונג מצד דעם געזונדהייטס־דעפּאַרטמענט. דאָך האָט ער ליבער זיך צו באַנוצן מיט זיין אייגענער, כמעט אָפּגענוצטער מיסט־שויפל. אַראָפּבייגנדיק זיך, קערט ער אויס די פרישע פערד־צואה און לייגט זי מיט די הענט אין דער שויפל אַריין, פּונקט ווי יעדער איינער קאָמפּעטענטער גאַסן־קערער האָט עס געטון אויפן מזרח פון פּאַרצייטנס אָן.

זיין אַרבעט ווערט אים אונטערבראָכן דורכן קוויטש־אַרטיקן געוויש פון ברעמזעס בשעת צוויי ריזיקע, ספּעציעל דע־לוקס אויטאָבוסן פון דער טוריסטן קאָרפּאָראַציע קומען אַראָפּצופאָרן פון אַ באַרג און פאַרקערעווען זיך צום טויער פון האָטעל. אַלע אויגן געשפּאַנט צו כאַפּן דעם ערשטן בליק אויף מאַיעסטעטישע פּורפּור־מאַנטלען פון די 33 קאַרדינאַלן. איצט קען שוין קיין ספק נישט זיין: זיי זענען אָנגעקומען. הויך אויף די אויטאָבוסן זענען אָנגעלייגט וואַליזקעס און גרויסע פּעקער זענען אויסגעשטרעקט פון איין שטאַנג צו אַן אַנדערער — „די טוריסטן־רייזע פון די קאַרדינאַלן אין הייליקן לאַנד״. די קאַטשן שטעלן זיך אָפּ אין פראָנט פון דעם האָטעל עלי־כנרת. 33 מענער שאַרן זיך אַרויס. עס זענען יונגעלייט און אַנשטאָט פּורפּור־מאַיעסטעטישע מאַנטלען פון קאַרדינאַלן, טראָגט יעדער איינער אַ קליין בלאָ־ווייס באַנדאַזשל „קונדס־מיצל״ אויפן קאָפּ — די קובע תמבל — וואָס שול־קינדער אין ישראל טראָגן און אַפּטמאָל אויך נאַרישע יונגע אַמעריקאַנישע סטודענטן־טוריסטן. עס זענען אַלע בלויז אַמעריקאַנער, אָבער נישט קיין סטודענטן. זיי שפּרייטן פאַנאַנדער זייער פאָן און מאַרשירן אַריין אין האָטעל זאַל אַריין צום פיש־מיטאָג זייערן — די סאַנקט לואיס קאַרדינאַלן פוטבאָל מאַנשאַפט; זיי אַלע 33 שטיק.

* דער זון פון לאָרד הערבערט סעמיועל—ענגלענדס געשטאָרבן.

פון ענגליש **א. אַלמוג**

לאה ראַבינסאָן

## דער טאָגבוך

פאַרוואָס שרייבט מען אַ טאָגבוך? אפשר אַז מען זאָל וויסן ווען מ׳דאַרף זיך אַריינכאַפּן צום צאָנדאָקטאָר אָדער צו דער אַרבעט־אַגענטור; אפשר כדי מ׳זאָל געדענקען אינטערעסאַנטע ביכער, שמועסן, יום־טובים און חלומות; און אפשר אויך צו באַפרייען געפילן וואָס מ׳מוז זיי פאַרשטעלן פון אַנדערע. אויב איר ווילט אָנשרייבן אַ טאָגבוך, גוט, אָבער לאָזט ניט קיין משפחה אָדער חברים אים געפינען. הערט נאָר וואָס עס איז מיט מיר געשען.

איך אַרבעט איצטער אין טעאַטער. ס׳איז דער „פּאַפּיגיי״־טעאַטער — בדרך כלל איז דער פּראָדוצירער זיינער אַרטור שפּערל. „היתכן״ פרעגן די באַקאַנטע מיינע — „הנה האָט דאָך קיינמאָל ניט געשפּילט טעאַטער אין איר גאַנץ לעבן און איצט אַרבעט זי גאָר אינעם פּאַפּוגיי־טעאַטער.״

נו, קיין אקטריסע בין איך ניט, כ׳בין זייער ווייט דאס צו זיין. איך ארבעט ווי אן אלגעמיינע ארויסהעלפערין, דאס הייסט, איך דארף אפמאלן די פנימער פון די שפילער, פארקויפן בילעטן ביי דער טיר, ציען דעם שטריק וואס לאזט אראפ דאס פארהאנג, שלעפן מעבל ארויף און אראפ פון דער בינע, אונטערזאגן די שפילער וואס האבן זייערע ליניעס פארגעסן, אנשרייבן די רעקלאמעס פאר נייע אויפפירונגען און מאכן שלום צווישן ה׳ שפערל און דעם בינע־פארוואלטער דזשא קינג ווען זיי ווילן איינער מיטן צווייטן ניט רעדן.

בלי שום ספק בין איך זייער א וויכטיקער טייל פון טעאטער. אנו־מלטן האב איך אבער געהאט א ביסל צרות. סהאט זיך אנגעהויבן מיט דעם טאגבוך. איך פלעג אויסלאכן לייט וואס האלטן טאגביכער, אליין בין איך געווען צו פויל. אבער אט זעט איר: באלד ווי איך האב זיך אנגעשלאסן אן דעם „פאפוגיי״ האב איך באשלאסן טאקע נאכצוטאן דעם מוסטער פון די אלע טאגבוך־האלטער ווען כ׳האב פריער אויסגעלאכט. דער „פאפוגיי״־טעאטער איז דער משונהדיקסטער, רעשדיקסטער, ווילדסטער טעאטער אין דער וועלט. ס׳וואלט זיין אן עבירה וואלט איך ניט אויפשרייבן עפעס וועגן אים.

נו, נעכטן אין דער פרי בין איך ארויף אויפן אויטאבוס, איך זאל פארן אין טעאטער. נאכן באצאלן דעם קאנדוקטאר דאס פארגעלט האב איך זיך אוועקגעזעצט און כ׳האב אנגעהויבן שרייבן אינעם טאגבוך מיינעם. ווען ס׳האט זיך אנגעהויבן דער אויטאבוס האט זיך מיר עדי האנט צופיל גשאקלט, האב איך דעם טאגבוך אוועקגעלייגט און געלייענט „ראמיא און דזשוליעט״ די שפיל וואס ס׳רעפעטירט איצט די טרופע אונזערע.

שפעטער, ווען כ׳בין אין אונט צוריק פון דער ארבעט האב איך אריינגעקוקט אין פעקל אריין און האב געזוכט דעם טאגבוך. ווי איז מיר, ער איז ניט געווען דארטן! געמיינט האב איך אז דער טאגבוך איז נאך געווען אין אויטאבוס, האב איך דער מאמען געזאגט: „זיי אזוי גוט, טעלעפאניר מארגן אין דער אויטאבוס־סטאנציע און טו א פרעג צי מען האט געפינען א פארלוירענעם טאגבוך״. „גוט״ האט מסכים געווען די מאמע.

אבער היינט, ווען איך בין אריין צו דער ארבעט, האב איך דעם טאגביך דערזען אויפן טיש פונעם גרינצעימער (אזוי הייסט אין טעאטער־לשון דער צימער וואו די אקטיארן טוען זיך איבער, גרייטן זיך צו, אהער סתם א צימער וואוהין זיי קענען אריינקומען ווען מען דארף זיי ניט אויף דער בינע). סארא מחיה, דער טאגביך איז דא! מען קען מיר ניט שאנטאזשירן!

פלוצלינג איז אריינגעקומען דזשא קינג, אונזער בינע־פארוואלטער א יונגער נעגער. ער האט מיטן פינגער אנגעוויזן אויפן טאגבוך, ר׳האט זיך צעלאכט און האט נאך דעם געזאגט: „נו, נו, חנה, צי האסטו דאס אנגעשריבן? אכלל, מיר האבן דעם טאגבוך שוין דורכגעלייענט. ער



איז זייער קאמיש:״ דזשא האט ווידער געלאכט, האט ארויסגעכאפט ביי מיר פון דער האנט דעם טאגבוך און האט אין דער הייך געלייענט:

„ביל (׳ראמיא׳) און טשערי (׳דזשוליעט׳) זיינען א לולב מיט אן אתרוג. זי איז יונג און הויך. ער איז גאר אלט און קורץ. א מערכה וואס מען האט דעם ראמעא צוגעקלעבט א פארוק, ער האט דאך א פליך ווי אן איי. סאל (די ׳ניאניע׳) האט אפט לאמפן־פיבער נעבעך. איינס מוז מען אבער פארט צוגעבן, זי געדענקט גוט די ליניעס אירע. אט אזא קאמפלימענט קען מען ניט צוטיילן די פרא־אדמס דזשימי (׳קאפולעט׳) און הערי (׳בענ־וואליא׳). אטא דער ׳בענוואליא׳ איז דער בן־יקיר פון שרהן (׳פרוי מאנ־טאגיו׳) און זיי מאכן חן ווען זיי דארפן בעסער פרואוון לערנען זיך די ליניעס. שמעון (׳פריאר לארענץ׳) איז טאקע א שיינער און —״.

„האלדיע!״ האב איך ארויסגעשריען און א צי געטאן מיט דער האנט אנצוכאפן אנעם טאגבוך, אבער דזשא האט אים געהאלטן איך זאל ניט קענען דערגרייכן. ר׳האט זיך ווידער צעלאכט און דערצו האט ער מיר מידה געווען „צווישן אונז זאל עס בלייבן, חנה: דיינע באשרייבונגען פון די שפילער זיינען דווקא אקוראט. נאר — גאט איינער — פארוואס האסטו דעם בוך געלאזן וואו זיי קענען אים אלע לייענען? זיי קענען אים אלע לייענען? זיי זיינען געווארן אויפגעקאכט אש־להבה, ספעציעל די טשערי . . . אזא מין זאך, מען האט דאך געקענט בעסער דערמאנען משיחן . . .״

טשערי (׳דזשוליעט׳) איז פונקט אריין אין צימער. זי האט זיך א נעם געטאן אין מיין ריכטונג און געפרעגט, זייער ערנסט: חנה, איך וויל דו זאלסט זיין אין גאנצן ערלעך: זאג מיר, איך בעט דיך, פארוואס דו האסט געשריבן אז איך בין א „פאווע״? דזשא, זיי אזוי גוט, גיב מיר דעם טאגבוך. יא, אט שטייט געשריבן: „טשערי שמיט איז א פאווע״. זע נאר, זע! איך האף אז דו מיינסט ניט אז איך האב גא א קול ווי א פאווע?״

איך האב געהאלטן ביים ענטפערן ווען דזשא האט מיר איבערגעריסן: „מאדאם טשערי״ האט ער איר פארזיכערט, „איר האט א קול אזוי ווי א סאלאווייי״ ער האט זיך דערביי איראניש צוגעבוקט. טשערי, וועלכע האט אים געהערט ווי דעם קאטער, האט מעמשיך געווען און האט מיר געפרעגט די צווייטע קשיא: „מיינסט דאך ניט אז איך בין פעס א בעל־גאווהטע ווי א פאווע? להיפוך, איך בין א באשיידענע.״

„מיין טייערע טשערי״ האב איך געזאגט, „ווער האלט אז דו ביסט חלילה א פאווע? א נעכטיקער טאג! כ׳האב זיך סתם אזוי געחכמהט.״ „באמת?״ האט זי געפרעגט גאנץ תמימותדיק און האט אויפגעהערט אויס־צוזען באליידיקט. זי האט אפילו געשמייכלט. דזשא האט זי געכאפט פאר די הענט און זיי האבן געטאנצט ארום דעם צימער.

די אותו רגע האט ה׳ שפערל, אונזער פראדוצירער, א מאך אויף געטאן די טיר און האט אויף די העכסטע טענער א שריי געטאן „וואס

טוט זיך דאָ? דושא: געפֿין די אַלע שפּילער און זאָג זיי אָנעט אַז ה׳ שפּערל וויל זיי זאָלן אַהערקומען תּיכּף. תּיכּף! דזשוליעט! ברענג ראָמיאָ, ער איז אין אַזאַרט־קאַסינאָ. חנה, דעם טאָגבוך דיינעם האָב איך אויס־געלייענט פֿון טאָזול ביז טאָזול. דו האָסט אונדז אומבארחמנותדיק צעקריטי־קירט. לויט דיין מיינונג זיינען די קאָסטיומען אונדזערע שלומפּערדיק, די באַלייכטונג אין טעאַטער איז אַ תּוהו־ובוהו, די גאַנצע אויפֿפֿירונג אונדזערע, לאָ די וואָס זי איז אין דיינע אויגן ניט געראָטן נאָר וואָס דען אַ גאַנצער קאַטאַסטראָף. נו, אַ גרויסן דאַנק, חנה, פֿאַר דער מבֿינות! אַזוי ווי דער „פּאַפּגײַ" געפֿעלט דיר ניט, איז אַמבעסטן דו זאָלסט איצט רעזיגנירן. דער „פּאַפּגײַ" קען דאָך אָנגיין אָן חנהן. בקיצור: אַרויס פֿון דאַנעט, מיט האַק און פּאַק!"

דאַגהט ניט. דער ה׳ שפּערל איז בטבֿע אַ רגזן און אַז ער זאָגט אַז פֿון דער שטעלע איז עס ניט ווערט קיין שמעק טאַבעק. אַרעבט איך נאָך אין טעאַטער. הערט זשע: איר דאַרפֿט טאַקע קומען זען ׳ראָמיאָ און דזשוליעט׳, כ׳וועל אייך שענקען בילעטן. ס׳איז ממש אַ פֿיינע אויפֿפֿירונג פֿון דער „פּאַפּגײַ"־טרופּע. אײַב נאָך דעם אַלעמען קענט איר מיר ניט גלייבן, טאָ גיט די בילעטן אייערע שונאים. סײַ ווי, בעט איך אייך: יון איר האַלט אַ טאָגבוך, שרייבט אָן אײפּן טאָזול מיט גרייסע אותיות בחדר״ג.

° ° °

לאה ראַבינסאָן איז דרײַ און צוואַנציק יאָר אַלט. פֿון קינדווייז אָן וואוינט זי אין אָקספֿאָרד (געבוירן איז זי אין דער לאָנדאָנער סבֿיבֿה). זי האָט זיך געלערנט אין דער אָקספֿאָרדער הויכשול פֿאַר מיידלעך, און קינגס קאַלעדזש (קיימברידזש) און אין טשעסטערער קאַלעדזש פֿאַר לערער. זי אַרבעט איצט ווי אַן אַרכעאָלאָג און שטודירט ייִדיש אין די וועכנטלעכע ייִדיש־קלאַסן וועלכע ווערן אָנגעפֿירט פֿונעם אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העברעאישע שטודיעס. — רעד.

# ב ל ו מ ע ן

(דיק דריטער יאָרצײַט)

*1*

וועך דער בעז צעבליט זיך,
ס׳האָרן אַ צעבליטע בלום;
אַ פֿרייד אַ צעשטראַלטע,
ס׳איז דער גאַנצער אַרום.

כאָטש אַ שוועלבל ווערן,
און צווישן זיין געצווייג,
וויגנדיק שטיל ליגן,
פֿיל וויינענדיק געשוויג.

באַלד וועט די מאַמע שוואַלב,
קומען מיט טשוויטש געפּלי,
וויגנדיק אין געצווייג,
פֿליענדיק זעט זי.

יוען דער בעז צעבליט זיך,
זיך אַליין מ׳הערקענט קוים —
ס׳האָרץ צעצאַפּלט שוועלבל,
אײַא וויגנדיק בוים.



*2*

פֿאַרוואָס וואַקסן רויזן,
דווקא אויף דערנער־צווייגן?
אַזוי אויסצוּוואַקסן,
ווײַ טון ס׳מוז און מ׳מוז שווייגן.

ווי שאַרף־רויט די רויטע,
אַזוי קלאָר־ווײַס די ווײַסע;
ווי צעפֿלאַמט פֿון כּעס מ׳איז,
שאַ, שטיל — מ׳דערציילט קיין מעלה.

די אײַנגעהאַלטנקייט —
גרויס אַרויס זי טוט שײַנען!
און טיף טראַקן ווערן,
זײַרע טרערן געוויינען.

*3*

ווען עס בליט דער יאַסמאַן,
מרה־שחוריק מײַן האַרץ;
ווי ווײַס ס׳איז דער יאַסמאַן,
אַזוי איז מײַן האַרץ שוואַרץ.

ערשטע בלומען פֿאַר דיר,
ווײַסער יאַסמאַן געווען;
אויף דײַן קבֿר געלייגט,
קיינער זאָל עס נישט זען.

*4*

ווען בליט דער ווערבע־בוים?
ווען אויף זײַנע צווייגן,
הענגענדיקע פֿידל.
אויפֿהערן צו שווייגן —

# ש ר ע ק

בלעטלעך פֿאַרוועלקטע,
פֿאַלן פֿון די ביימער,
און אין מיר אַ שרעק,
אַ מורהדיק געהיימער.

וועמען דערציילן,
און וואָס אַרויסקומען?
דריי איך מיך אַרום,
כ׳וואָלט געווען באַנומען.

מורא אַפֿילו,
זיך אָפּצוּראַזירן,
אין שפּיגל זיך זען,
און עס קאָן פּאַסירן.

ס׳פֿאַלן די בלעטלעך,
שוין פֿון לעצטע צווייגן,
און אין מיר טויט שטיל,
אַ פֿאַרהוילן שווייגן.

## פייגעלע אויף קוימען

אויפגעכאפט זיך מיטן טרוימען,
שטייט א פייגעלע אויף קוימען
און זינגט א ליד צו דער זון.

כ׳בלייב ליגן מיך צו צוהערן —
ווי לויטער ווי ריין! כ׳קען שווערן,
יעדן טאן כ׳פארשטיי דערפון.

כ׳פרייוס מיט ווערטער איבערזעצן!
טרערן מיינע אויגן נעצן —
ווי פריידיק בענקשאפט קאן זיין.

יעדער טאן אזויפיל טרויער,
ליבשאפט־צער ווי אומגעהויער —
און דאס ליד די פרייד אליין.

עלא זילבערג

## דאס אלטע פידאלע

אפגעשפילט דעם לעצטן ניגון,
אלס סטרונעס אפגעריסן,
ליגט דאס פידילע פארלאזן,
קיינער וויל דערפון ניט וויסן.

אזויפיל הארציקע געזאנגען,
אויסגעשפילט אזוי פיל לידער,
יעדער קלאנג געוועקט צום לעבן,
איפגעציטערט אלע גלידער.

ווען דאס לעבן האט געמאטערט,
און דאס הארץ פון לייד צוריסן,
האט דאס פידילע געטרייסט איר,
מיט איר ניגון צארטן זיסן.

היינט דאס פידילע צובראכן,
און פארשטומט אירע געזאנגען,
נאר אין זכרון ווי ווייסע טויבן,
שוועבן לוסטיג אירע קלאנגען.



## צום 80סטן געבורטסטאג פאר מיין טייערן ברודער אברהם משה

מיט דיר אין הארצן,
איז עס לייכטער צו גיין,
כאטש דער וועג איז זאמדיג,
און פארשאטן מיט שטיין,
באשיצט פון דעם גלויבן,
וואס זאל ניט געשען,
צום אומגליק און ענטפער,
„אזוי באשערט איז געווען.“

יארן און יארן,
געלערנט שטודירט,
פיל זארגן און קומער,
אין לעבן געשפירט,
געלעבט צווישן פרעמדע,
נאר דעם גלויבן באהיט,
דאס אידישע הארץ,
ווי א שטערן געגליט.

דערגאנגען דעם וועג,
ביז צום 80סטן יאר,
מיט א חבר׳טע טרייע,
א זון א גבור,
ג האט זיין חלק,
צו זיך צוגענומען,
די איינציקע טאכטער,
אזוי יונג אומגעקומען.

צובראכן פארטרויערט,
געפילט אזוי שלעכט
נאר ניט פארלארן בטחון,
אז ג׳ איז גערעכט,
און ווייטער געטיילט,
פאר ארימע לייט.
ישיבות געשטיצט
געגעבן מיט פרייד
געהאלפן משפחה

געשטארקט זייער מוט
מיין טייערער ברודער
אזוי נאבלע און גוט.

הערי אריעל

## יידיש טעאטער אין ענגלאנד

אין יאר 1947, ווען איך בין געקומען קיין לאנדאן פון „וועגשייד־לאגער“ אין עסטרייך, האט מען דא שוין געזאגט אז יידיש טעאטער גייט אונטער און היינט. אין יאר 1979, ווען ביי די אלע פעסימיסטן האבן שוין אויסגעפעלט טרערן אונז צו באוויינען נאך יעדן טעאטער סעזאן, עקסיסטירן מיר נאך אלץ, פארשטייט זיך, אז די אלע באגרעבער האבן עגמת נפש דערפון און פרעגן: „ווי איז דאס מעגליך? די היינטיקע יידן אין ענגלאנד פארשטייען דאך נישט קיין יידיש . . .“ מיין ענטפער פאר זיי איז: קומט זען אונזערס א פארשטעלונג, הערט אייך צו צו דער רעאקציע פון דעם פובליקום, הערט ווי זיי לאכן פון א יידישן וויץ אין דעם ריכטיקן פלאץ . הערט ווי זיי זינגען מיט אונזערע פאלקס־לידער, זעט ווי זיי פארגיסן א טרער אין א דראמאטישן מאמענט און דאן זאגט מיר צו זיי פארשטייען, אדער פארשטייען נישט קיין יידיש . . .

מיר האבן דעם כבוד צו שפילן זער אפט פאר אזעלכע פערזענליכקייטן ווי לארד און לידי פישער, לארד און לידי דזאנער, דין פישער און נאך די פארשטעלונגען, אין זייערע רעדעס צו דעם עולם, דאנקען זיי אונז פאר אונזער ארבעט פון טראגן דאס לעבדיקע יידישע ווארט און ליד צו די מאסן. עס וואלט געווען נישט באשיידן פון מיר אויסצורעכענען זייערע ליב ווערטער, וועלכע גיבן אונז מוט עוויטער צו קעמפן פאר דעם לעבן פון יידישן טעאטר.

נאך אונזער לעצטע פארשטעלונג אין מאנשעסטער, האט דער רעדאקטאר און קריטיקער פון דער „דזשואיש גאזעט“, ארטור סאנדערלאנד, געשריבן:

„די פארשטעלונג איז געווען א פאט־פורי פון ערנסטע דראמע, געזאנג און קאמעדיע, אויסגעצייכנט געשפילט דורך א טאלאנטירטן אנסאמבל וואס שליסט אן מאמענטאל דעם קאנטאקט און ליבע מיט זייער פובליקום . . . דער מחבר, הערי אריעל, פירט דעם אינהאלט דורך זיינע גוט פארטראכטע וועגן, וועלכע גיבן יעדן שוישפילער די געלעגנהייט צו שיינען און איבערגבן דעם עולם א בילד פון א יידישע היים, די ווערט פון מענשליכקייט און יידישקייט . . . יעדער מיטגליד פון דער טרופע האט זיך פערזענליך אויסגעצכנט אין זיין ראלע. חנה צעלניקער, מיט איר אייגנארטיקן סטיל איז געווען די־



נאמיש אין דער בעסטער טראדיציע פון א יידישע קינסטלערין. הערי אריעל האט מיט זיין פערזענליכקייט און זיין אינדיווידועלן שוישפיל, זיך דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה. בערנארד מענדעלאוויטש האט געשיינט מיט זיין זינגען און אינטערפרעטירן זיין ראלע.“

דאס זיינען פראגמענטן פון א רעצענזיע וועלכע גיט איבער דעם איינדרוק וואס אונזער אנסאמבל מאכט אויפן טעאטער עולם און די קריטיקער. פאר די וועלכע ווילן אין דער צוקונפט שרייבן די געשיכטע פון דעם יידישן טעאטער אין ענגלאנד, האב איך די פאלגנדע אינפארמאציע: דאס זיינען די פראפעסיאנעלע שוישפילער פון דעם יידישן טעאטער אין ענגלאנד (לויטן א־ב): הערי אריעל, לעאן בלומענזאן, אסתר זילבערבערג, בערנארד מענדעלאוויטש, דוד סעגאל, מעטא סעגאל, סידי סקאפ, חנה צעלניקער און מרים קאראלאזא. מוזיקאלישע לייטונג: פיל בערנשטיין, ביים קלאוויר: ריקי בארנארד.

מיר שפילן יעדער וואך ביז ענדע יולי. אין סעפטעמבער 1979 הויבן מיר אן אונזער נייעס סעזאן פון פארשטעלונגען פאר פארשיידענע וואלטעטיקע ארגאניזאציעס, וועלכער ענדיקט זיך אין יולי 1980. דורך די לעצטע 31 יאר וואס איך בין פארבינדן מיטן יידישן טעאטער אין לאנדאן, האט מען מיט דער הילף פון אונזער ארבעט, געשאפן הונדערטער־טויזנטער פונטן פאר פארשיידענע וויכטיקע צוועקן אין ישראל און אויך אין ענגלאנד. מיר, דער לעצטער מנין פון פראפעסיאנעלע יידישע אקטיארן, זיינען זער שטאלץ מיט דעם און אזוי לאנג ווי מיר לעבן וועט יידיש טעאטער אין ענגלאנד נישט אונטערגיין.

סעם גאלדבערג

## „לאדזשער שטערן אויף מיין וועג“
## דזשעק און סימאר רעכטצייט

די היינטיקע „שטערן“, דזשעק און סימאר רעכטצייט, קומען פון לאדזש. אין א פרייטאגדיקער אויסגאבע פון „לאדזשער טאגעבלאט“, 1913, האב איך געליינט א שיינע נאטיץ, מיט אן אנאנס, וועגן א יונגן חזן, וואס וועט דעם קומענדיקן זונטאג אויפטרעטן מיט א דאווענען אין „אלעקסאנדער־טעאטער“ אויף דער אלעקסאנדר גאס.

געווען איז עס א קינא—פיקטשור־פאלעס—וואו עס האבן געקענט אריינגיין אן ערך טויזנט מענטשן. אזויפיל פלעצער איז דארט געווען. פארשטייט זיך, אז איך מיט מיינע „חסידים“ צוזאמען מיט אונזער חזן יחזקאל גלעזער, ביי וועמען איך בין געווען א משורר, זענען אהינגעגאנגען הערן אט דעם יונגן חזן, יאנקעלע רעכטצייט.

דער טעאטער־זאאל איז געווען געפאקט, און באלד האבן באדינער אריינגעברענגט א בעלעמער און צוגעשטעלט א הויך קינדער־בענקל. גלייך דערנאך האט זיך באוויזן א קליין יינגעלע, וועמען מען האט אויפגעהויבן און ארויפגעשטעלט אויפן הויכן בענקל.

דער עולם האט אים אויפגענומען מיט גרויסער אוואציע, און יאנקעלע רעכטצייט, א קינד דעמלט פון קוים פיר יאר, האט זיך פארנייגט און גענומען זאגן די תפילות. די התפעלות איז געווען אין לשער, זעענדיק אזא קליין יאטל און הערנדיק ווי עס זינגט אזוי הארציק און שיין א יהי רצון און א רצא ווי אויך אנדערע גרויסע זאכן, וועלכע א יאסעלע ראזנבלאט פלעגט פארטראגן פאר אן עולם.

עס איז געווען א וואונדער, וואס האט אינז, אזוי צו זאגן, אויפגעגעסן „ווי קומט עס צו א קינד פון קוים פיר יאר, קען נאך נישט ריכטיק לעזן און שרייבן, צו באזיצן אזא חזנישע קונסט? — האט מען זיך גע־חידושט. און וואס איז דער ענטפער? זיין אייגענער טאטע איז געווען א חזן, וועלכער האט געלערנט חזנות זיינע קינדער! אייגנטלעך, דארף מען מיט קיין קינד קיין סך נישט לערנען, עס הערט און קוקט זיך צו און כאפט אויף. האט יאנקעלע רעכטצייט שוין דעמלט געהאט דעם חוש נאכצוטון דעם טאטן, נעמענדיק אין אנבאטראכט וואס ער האט געהאט א זעלטן־שיין קלינגענדיק שטימעלע, מיט וועלכן ער האט ממש באַ־צויבערט דעם עולם.

דער דערפאלג דעמלט איז באמת געווען גאר גרויס. פון אלע זייטן האבן מענטשן זיך געשטופט צום קינד און זיין פאטער, כדי צו כאפן א ווארט מיט זיי אדר אויסצודריקן א יישר־כח. עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז זיי האבן פשוט זיך נישט געקענט באפרייען פונם עולם און קוים קוים וואס זיי זענען פון דארטן ארויס. מען האט געמוזט דינגען א דראשקע און אזוי ארום זענען זיי אוועק אהיים.

נישט לאנג דערנאך האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט־מלחמה, וואס האט אנגעמאכט גרויסע און ביטערע צרות פאר דער וועלט און בפרט פאר יידן. עס איז געווארן א הונגער־נויט אין פוילן, אזוי, אז קיינעם איז שוין נישט געליגן אין זינען דער יאנקעלע רעכטצייט . . . מען האט פראסט און פשוט אים פארגעסן.

קורץ נאך דער מלחמה, ווען מיטן שלום האט דאס לעבן ווידער אנ־געהויבן זיך צו נארמאליזירן, האבן זיך פלוצלונג באוויזן פלאקאטן און אפישן אויף די גאסן אין לאדזש: אן אקטיאר, א סטאר פון אמעריקע, מיטן נאמען רעכטצייט, קומט אהער שפילן טעאטער. ער וועט אויפטרעטן אין גרויסן „פילהארמאניע־טעאטער" אין א ראלע אלס „יאנקעלע ציגיינער". דאס טעאטער האט זיך געפונען אויף דער דזשיעלנע גאס און האט גע־קענט אריינעמען א 2000 מענטשן. דער דירעקטאר דארטן איז געווען דער אלטער בעזמאן.



וועמען האט עס געקענט אייננפאלן, אז מיר האבן דא צו טון מיטן פריערדיקן פיר־יעריקן יאנקעלע, וועמעס פאטער איז דער שווארצער יצחק בן ישעיה און די מאמע רופט מען שרה? — אז פון אט דעם קליינעם יאטל איז עס ארויסגעוואקסן דער איצטיקער אמעריקאנער סטאר?

הכלל, אינזער סטארס דערפאלג איז באלד געקומען און כשר פארדינט. ער האט געשפילט מיט אן אנסאמבל פון די פיינסטע לאקאלע יידישע בינע־קינסטלערס זיין „מענעדזשער" איז געווען אן אלטער אקטיאר, א גרויסער קאמבינאטאר, מיטן נאמען מאיר וואונדער, וועלכער איז געגאנגען מיט מיר אין א געוועט צי באלד נאכן הערן דזשעק רעכטצייט זינגען א ליד און רעציטירן א מאנאלאג וועל איך עס קענען נאכזינגען! אויב יא, קריג איך פון אים א פלאש וויין. יא, דער סוף איז געווען וואס איך האב טאקע געוואונען די פלאש וויין נאך אט יענער פארשטעלונג, זינגענדיק דאס ליד און רעציטירנדיק דעם מאנאלאג. אלע אקטיארן און אקטריסעס זענען ארומגעשטאנען ארום מירביים בופעט און מיך אפלאדירט. אזוי ארום האט עס דעם מאיר וואונדער אפגעקאסט א פלאש רעכט גוטן וויין.

דזשעק רעכטצייט איז דערנאך אוועק קיין רוסלאנד, וואו ביזן יאר 1927 איז ער פארבליבן אין מינסק. אבער לייענדיק א ידיעה אין א יידישער צייטונג, אז דער פאטער זיינער, א ברודער און די גאנצע פא־מיליע זענען אוועקגעפארן פון לאדזש קיין אמעריקע, האט ער באשלאסן צו מאכן א ויברח פון רוסלאנד און איז אליין אויך צוריקגעפארן קיין אמעריקע.

עס האט נישט לאנג געדויערט און מען האט אים ווידער געזען שפילן יידיש־טעאטער, דאס מאל אין קאנאדע. די ראלע זיינע אין דער ערשטער פיעסע אויפצופירן איז געווען „אבראשא באראבאנטשיק" און „א חתונה אין פאלעסטינע". ווידער האט ער זער אויפגענומען ביים עולם און ביי דער פרעסע, אז מן האט שוין אין אים געזען טאקע א גרויסן סטאר, וואס פארדינט זיך כשר זיין דערפאלג.

היות ער איז געווען פון שיינעם אויסזען, האט זיך אין אים פארליבט נאדא קארעניאס שוועסטער, א יונגע און זער סימפאטישע אקטריסע. צום באדויערן האט דער שידוך נישט געגליקט, און זיי האבן זיך געמוזט שיידן. ער האט שפעטער ווידער חתונה געהאט, אבער דאס מאל טאקע מיט מזל און לעבט זיך עד־היום א גליקלעך לעבן.

יארן לאנג שוין פארנעמט ער דעם פאסטן פון וויצע־פרעזידענט פון דער ארטיסטן־יוניאן אונזערער, וואו דער פרעזידענט איז אונזער חשובער חבר, הערמאן יאבלקאוו. באליבט איז ער ביי אונז אלעמען, און אלע שעצן אים פאר זיין טיכטיקייט אויפן געביט פון יידישן טעאטער. נאך אלץ קען מען אים זען אויפטרעטן אין דער „פאלקס־בינע" און יעדעס מאל האט ער זיין דערפאלג אלס פארדינסט.

ווען דזשעק רעכטצייט איז ארויס פון זיין טאטנס הויז און געווארן

א דיריגענט, שפעטער אן אקטיאר, ספעציאליזירנדיק זיך אלס בוף־קאמיקער, איז ער אויף א טורניר קיין מינסק אריינגעפאלן צו די באלשעוויקעס אין די הענט אריין. נאר ווי שוין פריער אנגעוויזן איז עס אים געלונגען זיך צו ראטעווען און צו אנטרינען קיין אמעריקע. דא האט ער זיך אנטוויקלט און דערגרייכט די מדרגה פון א סטאר, געווינענדיק גרויס אנערקענונג מיט זיינע ארויסטריטן אין יידישן טעאטער איבער דער גאנצער וועלט.

אט דאס איז די לעבנס־פאסירונג פון א חזניש קינד, וואס איז אויסגעוואקסן צו זיין א סטאר אין יידישן טעאטער, איבערהויפט אין אמעריקע, וואו מזל און ברכה האבן אים תמיד באגלייט. הלוואי אויך ווייטער. אמן.

א י י ז י ק  ג א ל ד ב ע ר ג

## י. א. ליסקי — א בן־שבעים

ביי די „ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס“, דעם 29סטן יאנואר, 1979, אונטערן פארזיץ פון א. נ. שטענצל, האט מען באגריסט דעם לאנדאנער שרייבער, י. א ליסקי, צו זיין ווערן א בן־שבעים.

איז כדאי איצט צו מאכן א מין סך־הכל פון דעם בעל־היובל׳ס ליטעראַריש־קולטורעלער טעטיקייט דא הי ביי אונז אין לאנדאן. ווי עס איז באוואוסט איז י. א. ליסקי אהערגעקומען אין די ערשטע דרייסיקער יארן, א יונגערמאן, אבער שוין דעמאלט מיט א שרייבערישן באגאזש און אין א קורצער צייט האט ער זיך ביי אונז קונה־שם געווען אלס א שרייבער מיט אן אייגענער ליניע אין דער ליטעראטור. און טאקע אט אזוי האלט ער אן מיט זיין ליטעראַריש־קולטורעלער טעטיקייט עד־היום ביי אונז אין יידיש־לאנדאן — א משך פון פינף און פערציק יאר!

י. א. ליסקי איז איינער פון יענע עקשנים פונם אמאליקן יידיש־לאנדאן־ווייטשעפל, וואס האט אזוי געשפרדלט מיט יידיש לעבן און קולטור. האט מען דאך אמאל געהאלטן אז ווייטשעפל איז אויך „א יידיש־שטעטל“ פון מזרח־איראפעאישן שטייגער, הגם אין מלכות־בריטן . . .

אט יענע עקשנות איז אלץ נאך באמערקבאר היינט־צו־טאג, ווי מען קען עס בולט זען ממש ביי די „ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס“, וואו אן אנגעזעענע צאל יידישע שרייבער, קולטור־טוער, פאלקסע־זינגער און אנדערע טרעטן אויף מידי שבת בשבתו מיט ווארט און געזאנג, כדי דער „פלאם“ פון יידיש־לשון און זיין ליטעראטור זאל זיך נישט, חלילה, אויסלעשן אין דעם איצט גייסטיק־פאראָרעמטן יידיש־לאנדאן.

אונזערע שונאי־יידיש ווי אויך מכלומערשטע פארטיידיקער פון יידיש האבן גורם געווען, אז אויף כלערליי אופנים זאל מען רעדן קעגן יידיש. אפילו יידישע שרייבער דערלויבן זיך שוין ארויסצוטרעטן מיט א פזמון



ווי יידיש וואלט, להבדיל, געווען קעגן העברעאיש אדער אז יידיש זאל גארנישט האבן צו טון מיט יידישקייט . . . דארף מען זיך נאך וואונדערן וואס די ברייטע מאסן, צום טייל אויך כלל־טוער טענהן, אז אונזער שפראך דא און קולטור איז נישט יידיש און נישט העברעאיש, נאר די שפראך פון לאנד, אין וועלכן מיר לעבן. מען רעכנט אונז בלויז לויט רעליגיעזער צוגעהעריקייט און ענלעכע באגריפן.

אזוי ארום האבן די „פני“ אונזערע דא געעפנט א פרייען וועג פאר דער אסימילאציע. און וואס איז דער פועל יוצא? אחוץ קידוש און בענטשן נאכן עסן, טראגן שמחות ביי יידן דא אין לאנד שוין מער נישט קיין יידיש פנים! יידישע געזעלשאפטלעכקייט, יידישע קולטור קומען אלץ ווייניקער און ווייניקער אין אנבאטראכט.

צו די אקטיוויסטן אבער פאר יידיש געהערט אויך, ווי מיר האבן עס שוין געזען, אונזער בעל־היובל י. א. ליסקי, פאר וועמען, פונקט ווי פאר אונז אלעמען, איז יידיש די בריק צו אלע תפוצות־ישראל.

לאמיר זשע אנצייכענען אין קורצע שטריכן דעם גייסטיק־קולטורעלן ביישטייער ליסקיס. איבער זיינע ווערק — „פראדוקטיוויזאציע“, „פאר, דו קליינער קאזאק“, „דער האן“, „מלאכה בזויה“ און אנדערע — האבן מקשוב, קרעדיטאר, ווילענסקי געשריבן נאך אין די יארן 1952־1955 און אויך דער פראפעסאר מאריאן באהוש־שישקא פון דער ווינער אוניווערסיטעט, אנערקענענדיק י א. ליסקיס טאלענט. אחוץ זיי האבן ענלעך זיך אויסגעדריקט ש. ניגער, י ה. לעווי, יעקב באטאשאנסקי, ש טענענבוים און נאך אנדערע.

און זאל עס מיר דא זיין דערלויבט מיך פערזענלעך צוצורעכענען צו די, וואס האבן ליב נישט בלויז צו לייענען נאר אויך צו זאמלען גוטע ארטיקלען, דערציילונגען און פאעמען. אט אזוי זשע האב איך אין משך פון די יארן מיר אנגעזאמלט פיינע אפהאנדלונגען ליסקיס איבער י. ל. פרץ, נאמבערג, ש. פרוג, זיגמונד פרויד ווי אויך פון מאריס מייער און סאכאטשעווסקי. האט עס מיך באמת געפריידט צו זען אט די דאזיקע אויפסניי אפגעדרוקט אין זיין פעריאדישער צייטשריפט „דאס אידישע פאלק“. וואלט עס טאקע געווען וויכטיק צו האבן די דאזיקע ארטיקלען געדרוקט נישט בלויז אין דער צייטונג, נאר ממש אין בוך־פארם.

זיכער איז עס ווערט צו דערמאנען ווי באליבט ער האט זיך געמאכט ביי די „ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס“ אין שייכות מיט זיינע ארויסטריטן איבער פאליטישע געשעענישן, וואס האבן צו טון מיט ארץ־ישראל. אבער זיין קולטור־טעטיקייט האט אויך איינגעשלאסן ענלעכע באטייליקונגען מצד אים אין כלערליי מיטינגען, פארזאמלונגען און ענלעכע פאראנשטאלטונגען מיט פראבלעמען פון יידישע שרייבער.

אחרי ככלות הכל, איז י. א. ליסקי שטארק מפורסם געווארן מיט זיינע פאעמעס, אריגינעל אין יידיש און אויך אין העברעאישער איבערזעצונג, ערשט נישט לאנג דא דערשינען אין ביידע לשונות אונזערע. די עברית־איבער־

זעצונג האט געמאכט דער באוואוסטער העברעיסט אהרן הכהן. הגם די דיכטונגען באזירן זיך אויף מקורות פון תנ״ך און די איבערזעצונגען זענען זער געלונגענע, האבן פיל שרייבער, כלל־טוער און אפילו רבנים ווארעם אפגעשאצט אט די שירים. „ליסקיס פאעמעס זענען אידענטיש מיט עם־ישראל“, האט דער געוועזענער טשיף ראבי — רב־הכולל —, ד״ר ישראל בראודי דערקלערט.

גראד איצט מערקן זיך נייע דערשיינונגען בנוגע יידיש, ווי דאס איז, אזוי צו זאגן, האלט זיך ביים ברעכן . . . יונגע מענטשן, אקאדעמיקער פון מדינת־ישראל, אמעריקע, ענגלאנד און אנדערע לענדער האבן זיך גענומען לערנען יידיש און די יידישע ליטעראטור, און מען לערנט טאקע מיט התמדה. אזוי ארום וועט עס זיי זיכער העלפן אין זייער שטודיום זיך צו באנוצן מיט ליסקיס געדיכטן אין אריגינאל. טאמער דארפן זיי עס, קען טאקע די העברעישע איבערזעצונג פון זיינע לידער זיי קומען צונוץ.

אין יאר 1968 האט י. א. ליסקי פארעפנטלעכט צום ערשטן מאל אין בוך־פארם א צאל פון זיינע פאעמעס, אונטערן נאמען „געזאנגען צו מדינת־ישראל“ און אין ערך צען יאר שפעטער, אייגנטלעך אין יאר 1978, איז דערשינען דאס בוך „משירי־ציון“, וואס איז די העברעישע איבערזעצונג פון זיינע לידער. סאי די ליניע דארט סאי די פארם איז עפעס נייעס אין אונזער ליטעראטור.

צום סוף פון אט דעם קורצן איבערבליק איבער דעם בעל־היובלס גייסטיק שאפן און קולטור־טעטיקייט, לויט מיינע באשיידענע יכולת, בלייבט בלויז אים צו ווינטשן, אז זיינע כחות זאלן זיך באנייען, כדי ווייטער טעטיק צו זיין אויפן געביט פון זיין לעבן; מינדעסטנס נאך א קיילעכדיקן האלבן יארהונדערט, אז צוזאמען זאל עס טאקע אויסמאכן מאה ועשרים שנה!

באמת מיט זיינע זיבעציק מאכט י. א ליסקי ממש דעם איינדרוק פון א גאר יונגען זקן! מיט אים אין אונז אין אנדערע שרייבער און קולטור־טוער לעבט יידיש און איז נאך גאר גאר שפעריש.

י. א. ליסקי

## עמך — שער און אייזן

(געווידמעט דעם ריכטער א. נ. שטענצל)

איך נעם דיין האנט און טרינק צו דיר לחיים —
זאל מיט פרייד פול ווערן דער בעכער,
דאס געזאנג איניינעם שטייגט העכער.

דו האסט דיין ליד געזונגען צו עמך־שער און אייזן —
היילק איז פאר עמך געווען דאס יידישע אות,
אומגעקומען איז עמך — שער און אייזן,
פארברענט געווארן אין דער גאז־קאמער אונטער ריגל און שלאס.



איך נעם דיין האנט און טרינק צו דיר לחיים —
דעם קידוש־בעכער טאר מען ניט פארשעמען,
מיט טרינקען לחיים צו גאנץ ישראל און צו גאנץ ירושלים.

זינג דיין ליד אויך צו די יידן אין רייסן —
דיין ליד וועט גרייכן אויב ניט נאך העכער,
זינג — יום זה לישראל אורה ושמחה,
עמך — שער און אייזן — צו דיר איז געהויבן דער בעכער . . .

(פון דעם בוך „געזאנגען צו מדינת ישראל“ (ז. 16) לאנדאן 1968)



## פאליטיק און שלום

פאליטיק, די אייזערנע בריק,
צו לויפן אהין און צוריק.
אינטער מאנטל באהאלטן ס׳געווער —
מיט פינגער נאר צו טון א דריק,
אהין אהער ס׳צינגלט אן אייפהער.

שלום ווען אייפן גאלגן־שטריק,
די צונג שטייף ארויסשטעקט דער סמיק —
אינם פאלטשן אויג אן עכטער טרער!
אן יעטוידן שוין געמאכטן טריק,
דער פארשוין שאקלט זיך הין אהער.

בלויז ווען שוין באשערט זיין דאס גליק,
אן טרערן דער מענטשלעכער בליק?
אפשר דאס אויך נאר פאלטשער באגער,
אזא מין גליק־טריק פון א סמיק,
א ווייזחכמדיקער און נישט מער?

*　　*　　*

אין פינסטערע מינוטן,
עס הייבט זיך אן צו טראכטן,
ס׳איז דער מענטש געבוירן,
איינס סייאנדערע אויסצושאכטן.

אין די יארן ווען ס׳איז שטיל,
צו די שלאכטן זיך גרייטן,
מיט וואס בעסערע כלים,
קיילן איינער דעם צווייטן.

אזא איז עס דאס מענטשל,
העכער ס׳וויל זיך דערהייבן,
איינס איבער צווייטן, ביז קיין
זכר פון מענטש נישט בלייבן.

*　　*　　*

אויב דער פינסטערער פארשוין,
אז אזא אינזער פריינט?
מיינט פארמאכן די אויגן,
אין שטאק־נאכט — זע די זון שיינט!

*　　*　　*



ווערעמדיקער פיסק זיינער,
אייך פריינטשאפטלעכער געוואלט,
און אונטער רוקן גרייט
דאס שארפסטע מעסער ער האלט.

דאס פאלטשסטע אויג געפינקל,
יעדע רגע ס׳איז זיין בליק —
שלום־האנט שטרעקט דאס אויס,
דיך צו כאפן ביים געזיך.

ווער עס גלויבט אזא איינעם,
איז נישט נאר ער איז בלינד,
נאר א מיט שותף ער איז,
צו זיין רציחישע זינד.

„לא תתעב מצרי!
ווייל גר געווען אין זיין לאנד"!
אבער אויסשטרעקן אזא
מנוול חבריש א האנט?

אפהאקן ער וועט זי דיר,
מיטן מעסער וואס ער האלט,
אינטער דיין רוקן ער עס,
שארף געשליפן ער באהאלט.

*　　*

אז שלומה המלך געווען איז,
דער חכם פון אלע חכמים,
אין דעם קאן דאך נישט זיין קיין ספק.

זיין געוואלטיקסטער אויפטו מסתם,
צו לעבן מיט אן אלף נשים,
און טויזנט באקופקעטע שוויגערס.

דאס־א איז משמעות געווען,
די 40 יאר שלום על ישראל,
בשעת פירן זיין כסא מלוכה —

מיט גאנצן מזרח שווער פארשוויגערט,
אז מיט ווייבערישע קיפקעס בלויז,
ארמייען גאנצע צו פארשיטן.

דאס־א די תכסיסי־מלחמה!
און צום נדן אריינגעברענגט נאך,
שיר־השירים, קוהלת משלי.